STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08935

# HOMENS MAPOLE

Henri Sloves

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# המנס מפלה

ח. סלאָוועס

# המנס מפּלה

פאָלקס-שפּיל אין פיר אַקטן

פארלאג „אויפסניי" פאריז

דאַס אויפפירן, אין וועלכער ניט איז פאָרם, פון דער פיעסע, אין גאַנצן
אָדער טיילווייז, אָן דער דערלויבעניש פון מחבר, איז פאַרבאָטן.

הילע געצייכנט פון אַ. קאָלניק

**H. SLOVES : Homons Mapoleh (La défaite d'Aman)**
COMÉDIE EN QUATRE ACTES
Tous droits réservés pour tous pays.
Copyright by Editions «Ofsnaï», Paris 1949.

**PRINTED IN FRANCE**

**Imprimerie Abécé, 11, Rue Louis-Blanc, Paris X.**

„המנס מפּלה“ איז נישט קיין באַנייאונג פון אַן אַלטער אחשורוש-שפּיל. רעסטאַווירן אַ פאַרגאַנגענעם זשאַנר אין דער ליטעראַטור אָדער אינם טעאַטער איז בלי ספק אינטע־רעסאַנט, באַלערנדיק און וויכטיק, אָבער דאָס איז אַן ענין, וואָס גייט אָן בעיקר פאַרשער און פיינשמעקער-עסטעטן.

„המנס מפּלה“ איז אויסן עפּעס אַנדערש: דערגראָבן זיך צו די קוואַלן פון אַ לאַנג-דורותדיקער יידישער טעאַטער־טראַדיציע, וואָס, מחמת איר קערנדיקער פאָלקסטימלעכקייט און איר אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיטן יידישן טעאַטער־טעמפּעראַמענט, איז זי מסוגל צו באַפרוכפּערן אונדזער היינטצייטיקן טעאַטער-שאַפן און אַריינגיסן אין אים אַ ניי חיות.

עס איז זיכער איינער פון די פּאַראַדאָקסן פון אונדזער טעאַטער-געשיכטע, וואָס גראַד אָט דער נוסח, וואָס איז במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער געווען כמעט דער איינציקער אויסדרוק און די פאַרקערפּערונג פונם וועלטלעך-טעאַטראַלן אויסלעבן זיך ביי יידן, דער נוסח, וואָס האָט, אין זיין דורות־דיקער געשטאַלטיקונג, אַריינגעזאַפּט אין זיך אַלדאָס פאָלקס־טימלעכע פון יידישן מאַסן-לעבן, די כולו חנעוודיקייט און באַטעמטקייט פון יידישן וואָרט און פון דער יידישער באַ־וועגונג — וואָס גראַד אָט דער דאָזיקער נוסח, די אַזוי גע־רופענע פּורים-שפּיל, האָט אַמווייניקסטן באַאיינפלוסט אונדזער מאָדערנעם טעאַטער-וועזן און איז געבליבן מחוץ די ראַמען פון דער מאָדערנער יידישער דראַמאַטורגיע.

אונדזער ליטעראַטור איז געוואַקסן אויף געבענטשטער המשך'דיקייט — פון דור צו דור און פונם פאָלקס-שאַפן צו די העכסטע פאָרמען פון קינסטלערישן אויסדרוק. אין דער אַנט־וויקלונג-ליניע פון אונדזער טעאַטער איז אָבער פאַראַן אַ געוואַלד-ריס — אַ רייכע, יאָרהונדערטער-אַלטע ירושה איז געוואָרן פאַרלאָזט און פאַרוואָרפן. און אפשר ליגט טאַקע דאָ די הויפּט-סיבה דערפון, וואָס, נישט געקוקט אויף אַלע דער־

גרייכונגען פון אונדזער מאָדערנעם טעאַטער, זוכן מיר נאָך אַלץ דעם סוד פון אמת-יידישן טעאַטער-סטיל.

„המנס מפלה" איז אַ פּרוּוו אַריינצוברענגען אין דער היינטצייטיקער יידישער טעאַטער-שאַפונג די פאַרגעסענע קינסטלערישע ווערטן פון דעם אַמאָליקן יידישן טעאַטער-נוסח. אַ פּרוּוו פון סינטעז צווישן אַלט-יידישער פאָרם און אַקטועל-מאָדערנעם יידישן אינהאַלט, אויף דער באַזע פון געזונטער, תמיד-יידישער פאָלקסטימלעכקייט. אַט דער סינטעז ווערט געזוכט ווייניקער אין דראַמאַטורגישע פאָרמולן און אין סצענישע סכעמעס, ווי אין באַלעבנדיקן גייסט פון שפּרודלדיקער פאָלקס-שאַפונג, אין דעם טיף-פאָלקישן אָטעם, וואָס טראָגט זיך מעכטיק צו אונדז פון דער פּורים-שפּיל-טראַדיציע.

די נויטווענדיקייט פון אַזאַ אָפּפרישנדיקן אָטעם לאָזט זיך פילן באַזונדערס שטאַרק היינט צו טאָג, ווען אַ גרויסער טייל פון דער יידישער דראַמאַטורגיע שטיקט זיך אין רויך און טשאַד פון פאָלקס-פרעמדער מיסטיק.

**
*

דער איצט-פאָרפאַרעפנטלעכטער טעקסט פון „המנס מפלה" אונטערשיידט זיך וועזנטלעך פונם ערשטן וואַריאַנט פון דער פּיעסע, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יוני 1940.

צווישן די ביידע וואַריאַנטן ליגן יאָרן פון אַרבעט און דערפאַרונג און, דער עיקר — עס ליגט דער בלוטיקער מבול פון דער וועלט און אונדזער גרויליקער יידישער פאָלקס-חורבן. דער גיהנום-פלאַקער פון די קרעמאַטאָריעס האָט נישט בלויז פאַרשטערט די פרייד פון נצחון און אָפּגעווישט די זאָרגלאָזע טראַציקייט פון העלן געלעכטער, נאָר האָט אויך געוואָרפן אַ נייַ ליכט אויף אַ טייל העלדן פון דער פּיעסע, אַ ליכט, וואָס האָט כמעט אינגאַנצן פאַרענדערט זייער געשטאַלט.

אומגעענדערט איז געבליבן — און פילפאַכיק נאָך פאַרטיפט — די ליבע צום פאָלקס-שאַפן, דער ציטער פון דרך-ארץ און באַוואונדערונג פאַר די אומבאַזיגבאַרע לעבנס-כחות און פאַרן ווונדערלעכן אָפּטימיזם פון אונדזער פאָלק.

מער נאָך ווי תמיד, איז דאָס פאָלק היינט ווי די שוואַרץ-ערד, וואָס גיט יניקה און, גלייכצייטיק, ווי די ליכטיקע זון, צו וועמען עס ציט זיך יעדער לעבעדיקער פלאַנץ פון עכטער קונסט.

# חברה־שפילער:

הערָאלד

קיניג אחשורוש

ממוכן
מזומן — דעם קיניגס בעלי־יועצים
כפרתי

מרדכי הצדיק

המן הרשע

קיניגין ושתי

אסתר המלכה

שטערנזעער

פרשנדתא, קיניגלעכער אָפיציר

תרש
בגתנא — פאַרשווערער

בעל־קורא

מרסנא, פעלדמאַרשאַל

פרסנא, יעדנעראַל

קיניגלעכער פערד

שוועלהיטער, הויפלייט

הויפדאַמען, כלות

# פארשפּיל

**העראָלד:**

(קומט אריין, פאַרנויגט זיך)
אַ שיינעם גוטן אָוונט אייך, מיינע ליבע לייט!
גאָט זאָל אייך דערפרייען אין אונדזער שווערער צייט.
אַ גוטן אָוונט, פּרינצן, גראַפן, קאַוואַלירן
הערט אויס אַ מעשה נורא, וואָס האָט געטאָן פּאַסירן...
לייגט אייך אָן אויער צו, איר הויכגעשטעלטע דאַמען!
דער עיקר מיין איך אייך, איר טוט מיין האַרץ צעפלאַמען.
איך האָב אייך ליב—וואָס הייסט ?!—דאָס גאַנצע ממש חיות!
און דווקא אָן אַ חילוק נאָר, צי איר זיינט שיין, צי מיאוס.
איז הערט זשע אויס, איר דאַמען ליבע, האָרכט אויסעט,
מיינע האַרן

די מעשה איז אַן אמתע, איך וועל אייך ניט גענאַרן!
אַן אמתע, אַ כשרע, ניט אומעטיק, נאָר פריילעך
און הויבן הויבט זי גראָד זיך אָן... מיט אַ גויעשן מלך.
געווען אַמאָל... נאָר שאַט, איך הער, די שפּילער שטייען
ביי די טירן

דערלויבט אריינצורופן זיי, האַרן קאַוואַלירן...
(זינגט) אריין, אריין, אריין, אריין
חברה-שפּילער, דו מיין!...
אריין, אריין, אריין
חברה-שפּילער, דו מיין!...

**כאָר:**

(פון הינטערן פאָרהאַנג) טראַלאַ-לאַ-לאַ!... טראַלאַ-לאַ-לאַ!...

(עס הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. פון אַלע זייטן קומען, זינגענדיק, די שפּילער און שטעלן זיך אויס אין אַ האַלב-קרייז)

**העראָלד:**

יעמוד החכם הגאון הקיניג אחשורוש, ירום הודו!...

**אחשורוש:**

(גייט אַרויס פון דער רייע, פאַרנויגט זיך, זינגט)
איך בין קיניג אחשורוש, פול מיט שכל, פול פאַרשטאַנד
מיין חכמה האָט אַ נאָמען אין גאַנצן פרס-לאַנד

**כאָר:**

זיין חכמה האָט אַ נאָמען אין גאַנצן פרס-לאַנד

**העראָלד:**

יעמוד הצדיק הלמדן המופלג רב מרדכי ברב יאיר!...

**מרדכי:**

(גייט אַרויס פון דער רייע, פאַרנויגט זיך, זינגט)
כ'בין מרדכי הצדיק, גאָטספאָרכטיק, פרום און גוט
ניט געלאָזט פאַרגיסן אונדזער יידיש בלוט

**כאָר:**

ניט געלאָזט פאַרגיסן אונדזער יידיש בלוט

**העראָלד:**

יעמוד היידענע הקאָזאַק המלכה ושתי מיטן האָרן!...

**ושתי:**

(גייט אַרויס פון דער רייע, פאַרנויגט זיך, זינגט)
ושתי איז מיין נאָמען, קיניגין איך וואַר,
עס האָט די קרוין מיר צוגענאָמען דיזער אַלטער נאַר

**כאָר:**

(ווייזנדיק אויף אחשורושן)
עס האָט די קרוין איר צוגענאָמען דיזער אַלטער נאַר

**העראָלד:**

יעמוד הבתולה הצנועה הקראַסאַוויצע אסתר המלכה!...

**אסתר:**

(גייט אַרויס פון דער רייע, פאַרנויגט זיך, זינגט)
כ'בין אסתר המלכה, אַ כשר יידיש קינד,
אַ מאַן אַ נאַר צו האָבן, איז אַך און וויי און ווינד

**כאָר:**

אַ מאַן אַ נאַר צו האָבן, איז אָך און וויי און ווינד

**המן:**

(לויפט אַליין אַרויס פון דער רייע) וואָס איז דאָ פאַר אַ יידישע פּאַזשאַנדקעס, קאַלעגע הערעלד?... פּרינץ המנען לאָזט מען גאָר אויך לעצט? !... איך וועל עס ניט דולדן!... (פּאָכעט מיטן שווערד)

**הערעלד:**

אחרון אחרון חביב, קאַלעגע המן... פאַר דיר האָב איך אי־בערגעלאָזט מפטיר... (מיט אַ ניגון) יעמוד הגבור הנורא הצורר היהודים, המן בן המדתא מפטיר!...

**המן:**

(שטאַרק צופרידן פונם כבוד, זינגט)

כ'בין המן דער אגגי, איין פורכטבאַר גרויסער העלד

עס ציטערט פאַר מיין שווערד די גאַנצע דומע וועלט

די יודן, די פאַרפלוכטע, זי זינד מיין גרעסטער שונא

כ'וועל אויסראָטן זיי פון דער ערד, די יודן, די געמיינע.

**כאָר:**

אין דר'ערד וועלן זיי האָבן דיך, די יידעלעך די פיינע

**הערעלד:**

און איר, קאַלעגן שפּילער, סאָלדאַטן, יעדנעראַלן

יידן, גויים, מיניסטאָרן, דינער, פעלדמאַרשאַלן

בתולות, ווייבער, קליין און גרויס

קומט, זייט מוחל, דאָ אַרויס...

האַר קאַפּעלמייסטער, איך מיין אייך אויך

רייבט אַ מאַרש, ס'זאָל גיין אַ רויך!

אַצינדערט נעמט זיך אַלע פאַר די הענט

וווייזט דעם עולם וואָס איר קענט!...

(מוזיק שפּילט אַ פריילעכס; אַלע שפּילער נעמען זיך פאַר די הענט, דעפילירן דורך פאַרן עולם און גייען אַרויס)

פאָרהאַנג.

# ערשטער אקט

**העראָלד:**

(פאָרן פאָרהאַנג) ויהי בימי אחשורוש... און עס איז געווען אין די טעג פון אחשורוש... דאָס איז דער אחשורוש, וואָס האָט געקיניגט פון הודו ביז כוש, איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות... און די הויפּט־שטאָט פון זיין מלוכה איז געווען שושן־הבירה.

וועל איך אייך איצט, מיינע דאַמען און קאַוואַלירן
אין דער גרויסער הויפּט־שטאָט, אין שושן, טאָן פירן
(זינגט) אריין, אריין, אריין, אריין
שושן־הבירה, דו מיין!...
אריין, אריין, אריין, אריין
שושן־הבירה, דו מיין!...

(עס הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. אַ פּלאַץ פאַר אחשורוש'עס פּאַלאַץ. אין הינטערגרונד — אַ טויער, ביי וועלכן עס געפינט זיך אַ וועכטער־ביידל. אַ פינצטערע נאַכט. פון הינטער דער בינע דערטראָגן זיך, פון צייט צו צייט, שכורע קולות און געלעכטער. דער פּלאַץ איז פּוסט. פון וועכטער־ביידל הערט זיך אַ הילכיקע כראָפּעריי)

**מרדכי:**

(קומט אַריין, ברומט בגילופנדיק)
פון וואַנען קומט אַ ייד?..
פון וואַנען קומט אַ ייד?
פון וואַנען קומט אַ ייד?... אַ יי־יי־ייד?...
פון שושן הבירה, פון שושן הבירה.
וואָס טוט מען אין שושן הבירה?
וואָס טוט מען אין שושן הבירה?
וואָס טוט מען אין שושן הבי־י־י־ירה?
מען טרינקט בראָנפן און מען הוליעט
און מען טאַנצט אַ קאַראַהאָד
אין שושן הבירה... אין שושן הבי־י־י־ירה
(ציקלט זיך חזניש)

**פרשנדתא:**

(פוןביידל) צו אַלדע שוואַרצע רוחות!... ווער איז דאָרט?!

**מרדכי:**

אַ מענטש, רב קרוב... אַ גאָטספאַרכטיקער מאַן... זיינס גלייכן איז אויף דער וועלט ניט פאַראַן...

**פרשנדתא:**

וואָס רייסטו זיך דעם גאָרגל אין מיטן דער נאַכט ווי דו וואָלסט געווען אין אַ שענק?...

**מרדכי:**

פערל שיטן זיך פון דיין מויל, רב ידיד... גאַנץ שושן הבירה איז היינט איין גרויסער שענק... אונדזער קיניג אחשורוש ירום הודו האָט באַפוילן מען זאָל זיך משמח זיין... גיסט זיך אין די גאַסן י״ש און ס׳גיסט זיך ווין...

**פרשנדתא:**

גיי דיין וועג, שכור. לאָז כאַפּן אַ דרימל.

**מרדכי:**

די ערד, וואָס איך טו טרעטן מיט מיינע פיס, געהערט צום רבונו של עולם און צו אונדזער אַלמעכטיקן קיניג אחשורוש.... דאָ שטיי איך און דאָ וועל איך שטיין. איי וואָס, טאָמער געפעלט עס דיר ניט?... וועל איך מיך טאַקע אַניידערלייגן. (ציט זיך אויס) ניט המן און ניט זיינע כלבים וועלן מיך פון דאַנען ניט אַראָפּטרייבן...

**פרשנדתא:**

וואָס?!... ווי האָסטו געזאָגט?!...

**מרדכי:**

ווער עס האָט אויערן, זאָל האָרכן... המן און זיינע כלבים, האָב איך געזאָגט. נאָך אַ מאָל — זיינע כלבים און ווידער אַ מאָל — זיינע כלבים...

**פרשנדתא:**

איין רגע, איך צי נאָר ארויף די שטיוול... ווער נאָר דערווײלע ניט קיין האָז, הא?...

**מרדכי:**

איך — אַ האָז?!... מאַכסט חוזק, רב ייד. וואָס בין איך

— אן איש חיל? אַן אָפיציר, אַ יעדנעראַל — כ'זאָל שמעלן פּיס?...

**פּרשנדתא:**

נו, נו, מירן באַלד זען. (גייט אַרויס פון ביידל, מיט אַ לאַמ-טערנע) העי, דו, ווו ביסטו?...

**מרדכי:**

(ליגנדיק, זינגט) אין שושן הבי־י־ירה...

**פּרשנדתא:**

ווי הייסטו?...

**מרדכי:**

איך היים — דו זאָלסט זיך אָפּטראָגן פון דאַנען.

**פּרשנדתא:**

ווו ביסטו געבוירן געוואָרן?...

**מרדכי:**

ביי מיין מאַמען אין בעט.

**פּרשנדתא:**

אַהאַ, האָסט מורא צו זאָגן ווי מען רופט דיך...

**מרדכי:**

אז מען דאַרף מיך, רופט מען: פעטער, זייט זשע מוחל...

**פּרשנדתא:**

(אויפגעבראַכט) מה שמך, זשיד פּאַרכאַטי?!... ווייז אָקאַרשט דיינע פאַלשע פּאַפּירן!...

**מרדכי:**

שאַ, זע נאָר אַ ביסל ווי ער האָט זיך עס צעשריגן, סאַראַ טומל ער מאַכט... (הויבט זיך אויף פּאַמעלעך, גענעצט, ציט זיך, קראַצט זיך; פּרשנדתא גענעצט אויך, אויפן קול; ביידע וואָר-טשען) צו דער תורה רופט מען מיך אויף: יעמוד רב מרדכי ברבי יאיר מפטיר...

**פּרשנדתא:**

מרדכי בן יאיר?!...

**מרדכי:**

בן יאיר, בן שמעי, בן קיש...

**פרשנדתא:**

א מאַן פון בנימין ?!...

**מרדכי:**

שטימט אויף א האָר.

**פרשנדתא:**

געקומען פון ירושלים ?!...

**מרדכי:**

פון וואַנען דען ?... פון דער לבנה ?...

**פרשנדתא:**

(לויפט צו מיט דער לאַמטערנע, באַלויכט מרדכין) מרדכי הצדיק, ווי איך בין א ייד!.

**מרדכי:**

(הויבט אויף די לאַמטערנע צו פרשנדתאס פנים) פרשנדתא, א כפרה זאָלסטו ניט ווערן!... (כאַפּן זיך אַרום קושן)

**פרשנדתא:**

לאָמיר דיר נאָר אָפּשטעקן א רעכטן שלום עליכם, מרדכי הצדיק... גיב אָקאָרשט די פינפטל!... (קוועטשט אים די האַנט)

**מרדכי:**

איי, ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן, נכפּהניק דו!... די ידים, זע איך, זיינען דיר גאָט צו דאַנקען ניט אָפּגעדאַרט. באַווייז נאָר א ביסל דעם פּרצוף דיינעם... (באַלויכט אים) דערזעלבער פרשנדתא ווי געווען.

**פרשנדתא:**

און דיר אויך — ס'זאָל פעלן א האָר. ווי קומסטו אַצינד קיין שושן?

**מרדכי:**

אוי, ברודער, לאַנג צו דערציילן... (ווערט ערנסט, זיפצט; שטילער) קוים מיטן לעבן אַוועק פון ירושלים.

**פרשנדתא:**

א ?!...

**מרדכי:**

המנס כלבים, ימח שמם! כבין ניצול געוואָרן ממש דורך א נס.

אזוי ?!...

**מרדכי:**

איך און א פלימעניטשקע — מער קיינער ניט פארבליבן. קיינער ניט. (זיפצט) כ'האב זי טאקע געבראכט אהער, די פלימעניטשקע מיינע. אפשר וועט זיך דער אויבערשטער דערבארימען אויף איר. וואלסטו זי אנגעקוקט — א מיידל, ווי די ליכטיקע זון. שיין, קלוג, א בריה, א בראנד. איין חסרון נעבעך: א בת ישראל.

**פרשנדתא:**

און וואס איז מכח פרנסה ?...

**מרדכי:**

פרעג בעסער ניט. המנס גזירות האבן מיך געמאכט בדיל הדל. געבליבן נקי, אן א ביסן ברויט. האב איך זיך געמוזט נע-מען, אויף די עלטערע יארן, צו שדכנות. א ברירה ?!...

**פרשנדתא:**

(קראצט זיך די פאה) דוכט זיך, עס שטייט ניט געשריבן אין דער מגילה, מרדכי הצדיק זאל זיין א שדכן...

**מרדכי:**

הויבט זיך אן א מעשה !... א סך זאכן האבן זיך אונדזערע חכמים און סופרים נישט געחלומט אפילו — און היינט זיינען זיי וואר. (לעבעדיקער) פארשטייסטו מיך, אז איך בין א שדכן, האב איך המנען ניין איילן אין דער אדמה. אדרבה, זאל ער אקארשט פארווערן חתונה האבן... און אגב (שטילער) א שדכן קוקט און זעט, און הערט, און לאזט פאלן א ווארט דא, און לאזט פאלן א ווארט דארטן... ווער ווייסט ?... אז גאט זאל נאר וועלן, קאן אמאל מרדכי בן יאיר אויסשדכנען פאר המנען דעם רעכטן מלאך המות...

**פרשנדתא:**

אמן ! האסטו אבער כאטש חיונה ?

**מרדכי:**

אזא יאר אויפן אגגי !

(זינגט)

א ביסל פון שדכנות
א ביסל פון בדחנות
אויף יום־טוב, און ליצנות
פון שחיטה און חזנות
מען ציט דאָס שטיקל ברויט — אויף המנען
א טויט.
ברויט אויף אינדערוואָכן, אויף שבת —
פלייש און פיש
מרדכי בן יאיר, בן שמעי און בן קיש

גלויב מיר בנאמנות
מען מוטשעט זיך סכנות
קבצנות און דלפנות
ס'איז ממש א רחמנות
ס'קומט שווער דאָס שטיקל ברויט — אויף
המנען א טויט.
ברויט אויף אינדערוואָכן און יו"ש צום שבת־
טיש
מרדכי בן יאיר, בן שמעי און בן קיש.

נו, איצט, פרשנדתא, דערציייל זשע וואָס ביי דיר הערט זיך. שיינט מיר (באַלויכט אים נאָך א מאָל) ס'זיינען דיר צוגעקומען א פּאָר גילדערנע קנעפּלעך אויפן היטל...

**פרשנדתא:**

(שטאָלץ) אָפיציר פון דער קיניגלעכער גוואַרדיע!

**מרדכי:**

טע־טע־טע!... הערסט א מעשה? זאָג מיר נאָר, ס'האָט דיר גאָרניט פאַרשאַט צום עסק די באָבע דיינע, די יידישקע?...

**פרשנדתא:**

ששש... ווי גאָט איז דיר ליב, מרדכי... ווענט האָבן אויערן... (קוקט זיך אַרום) ס'איז א שקר־בלבול!...

**מרדכי:**

וואָס איז א שקר־בלבול?...

**פרשנדתא:**

מיין באָבע, די יידישקע, איז געווען ניט מיין באָבע, נאָר בסך הכל — מיין שטיף־באָבע...

**מרדכי:**

הא?...

**פרשנדתא:**

זאָלסט אַזוי וויסן!... מיין זיידע, א ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט פאַרמאָגט זיין אייגנס דריי ווייבער. איינע פון פרס, די צווייטע פון כוש און די דריטע — פון ישראל, וואָס האָט געהייסן זלפה. איז בעת המן האָט ארויסגעגעבן די גזירה אויף דער יידישער באָבען, האָבן מיר באַוויזן מיט עדות, קלאָר ווי דער טאָג, אַז זלפה איז געווען א בעז־דעטניצע.

**מרדכי:**

ווער זיינען דאָס געווען די יאָר־עדות?...

**פרשנדתא:**

טאַקע אַלע זלפהס קינדער!... מיין טאַטע אויך בתוכם. שטאַמט דעריבער אונדזער באָבע ניט פון ישראל, נאָר פון פרס און מיר געהערן אַלע צום ריינסטן שבט פון די אריאס.

**מרדכי:**

פיינע בריהס!...

**פרשנדתא:**

ניט מער — ס'איז סיי ווסיי ביטער. (שטילער) עס האַלט ביי מלחמה. קענגן די העלענער. כ'וועל דיר אויסזאָגן א סוד: מיט דריי וואָכן צוריק האָט המן באַפוילן צו אַלע חיילות פון פרס ומדי — מען זאָל איבערשמידן די שווערדן און זיי באַשמירן מיט ציגנפעטס. דער אמתער סימן. (זיפצט; רוקט זיך צו נענטער) א סברה, אַז אונדזערע מלחמה־שיפן שטייען שוין ניט ווייט פון די העלענישע ברעגעס. המן טוט, וואָס ער וויל און פרעגט ביי קיינעם קיין דעה ניט.

**מרדכי:**

און דער זיגלרינג?

**פרשנדתא:**

ווייס איך וואָס!... אַז אַלץ איז גרייט, מאַכט המן א גרויסע סעודה—אַט, ווי היינט אַשטייגער—וכטוב לב־המלך ביין, בעת דעם קיניגס האַרץ ווערט פריילעך פון וויין, רוקט המן אונטער דעם באַפעל און זאָגט: אדוני מלך, זיגל, זיי מוחל, מיט דיין

זיגלרינג דאָס דאָזיקע געשריפטס — ס'וועט זיין דיר לטובה, מיר לטובה און צום געזונט פון אלע אונטערטאַנען פון פרס ומדי... (שפייט אויס) טפו, ס'איז מיר אזש טרוקן געוואָרן אין האלדז. זיי אַ גוטער ברודער, מרדכי, שטעל זיך אַ ווייַלע אין בויד, אנשטאָט מיר. כ'וועל נאָר אַ שפּרונג טאָן זיך דורכ־שווענקען דעם גאָרגל אַ ביסל.

**מרדכי**

אַ נייעם שומר געפונען פון קיניגלעכן פּאַלאַץ.

**פּרשנדתא:**

גיי שוין, ס'איז דען פאַראַן וועמען צו היטן ?... זיך אָנגעשכורט אַלע, ווי די חזירים. טו אַ טובה, מרדכי. נאַ, גורט אָן מיין שווערד...

**מרדכי:**

ס'זאָל אמאָל עפּעס ניט אַרויסקומען...

**פּרשנדתא:**

לאָך זיך אויס. אַטאַ שוין בין איך צוריק. און כ'וועל ניט קומען מיט ליידיקע הענט, דאגה ניט... (לויפט אַרויס).

**מרדכי:**

(אַליין) מוחל די מתנות דיינע, מוחל... אזוי אויך, אָן איבער־ריקע כוסה גענומען... היינטיקע ציימן נאָך — ממש אַ סכנה פאַרן לעבן. אַ גליק — אַרויפגעפאַלן אויף פרשנדתאן. (זעצט, גייט אַריין אין בויד, גענעצט, ברומט אונטער דער נאָז. אַ ווייַלע שטיל. עס שלייכן זיך אַריין בגתנא און תרש).

**בגתנא:**

תרש !...

**תרש:**

וואָס איז, בגתנא ?...

**בגתנא:**

דוכט זיך, עמיץ שטייט דאָרט...

**תרש:**

ווו ?...

**בגתנא:**

(ווייזט מיטן פינגער) אָט — דאָרטן...

**תרש:**

(גייט צו א קוק טאָן, געפינט קיינעם ניט) ביסט שכור, צו אלדע רוחות!... וואָס חלומט זיך דיר?...

**בגתנא:**

קיין טראָפּן אין מויל ניט געהאַט...

**תרש:**

טאָ האַלט זשע קאָפּ און הער.

**בגתנא:**

ניין, ניין!... וואַרט א ווײַלע... ווער איז היינט וואַכט־אַפּיציר?

**תרש:**

פּרשנדתא. ער שלאָפט, ווי א געהרגעטער.

**בגתנא:**

טו פריער א קוק.

**תרש:**

(גייט צו צום בײַדל) פּרשנדתא!... (ס'הערט זיך פון אינעווייניק א שנאָרכן).

**בגתנא:**

(א ביסל העכער) פּרשנדתא!... (א שנאָרכן)

**תרש:**

הערסט דאָך — ער שלאָפט.

**בגתנא:**

(העכער) פּרשנדתא, קום נעמען א כוסה!... (שנאָרכן; בגתנא רופט נאָך העכער) קום מאַכן א שנאַפּס, פּרשנדתא!... (שנאָרכן)

**תרש:**

איצט זעסטו שוין, אז ער שלאָפט...

**בגתנא:**

יאָ, אויב ער ענטפערט איצטער ניט, שלאָפט ער טאַקע אויף אן אמת...

**תרש:**

איז נאַ, קודם כל באַהאַלט דאָס פלעשעלע. וואָס טאַפּסטו עס אַזוי אַרום, וואָס?!!

**בגתנא:**

איך טאָפּ ניט, תרש... דאָס ציטערן מיר נעבעך די הענט אַזוי...

**תרש:**

זיי אַ מענטש, בגתנא!...

**בגתנא:**

גרינג צו זאָגן: זיי אַ מענטש, אַז עס טרייסלט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן....

**תרש:**

הער מיט קאָפּ! מאָרגן ביינאַכט, צו דער וועטשערע, היטן מיר די קיניגלעכע שוועלן. בעת דער שר המשקה וועט דיר איבערגעבן די ווײַן פאַרן מלך, זאָלסטו אומבאַמערקט אַריינגיסן אין בעכער דאָס וועסערל פון פלעשעלע. דעם בעכער וועל איך צוטראָגן צום קיניג און דו וועסט דערווײַלע געבן אַ שליידער דאָס פלעשעלע אין טייך אַריין, וואָס אונטער די פענצטער פון פּאַלאַץ. דו הערסט, צי ניין?!....

**בגתנא:**

איך הער, אוודאי הער איך...

**תרש:**

אַריינוואַרפן אין טייך תכף ומיד... פאַרשטייסט?... ווײַל אין פלעשעלע איז פאַראַן סם... (פון בײַדל הערט זיך אַ קלאַנג, ווי עפּעס וואָלט אומגעפאַלן)

**בגתנא:**

(מער טויט ווי לעבעדיק) געוואַלד, תרש, מיר זײַנען קאַפּוט!!

**תרש:**

שריי ניט, פּיפּערנאָטער!... (גייט צו פאַרזיכטיק צום בײַדל) העי, פרשנדתא!... (עס ענטפערט אים אַ הילכיקער שנאָרך) פרשנדתא!... (דאָס זעלבע) ער האָט זיך אָפּנים איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט. ווו לויפסטו, ווו?...

**בגתנא:**

קיין איין רגע בלייב איך דאָ ניט מער.

**תרש:**

איי, בגתנא, בגתנא, ווען וועסטו שוין ווערן אַ שטיקל מענטש?...

**בגתנא:**

כ׳האָב מורא, תרש — ערשט אויף יענער וועלט... (לויפט אַרויס, תרש נאָך אים).

**מרדכי:**

(רוקט אַרויס דעם קאָפּ פון ביידל, קוקט זיך אַרום און שלייכט זיך פאָרזיכטיק אַרויס) רחמנא לצלן!... גזלנים, מערדער!... ווער ווייסט, וועמענס האַנט עס פירט זיי... אפשר גאָר המנס... גאָט זאָל שומר ומציל זיין... די ערשטע זאַך — מאַך וויברח פון דאַנען, מרדכי בן יאיר, צי אָפּ ווי די באַן, כל זמן די ביינער זיינען דיר גאַנץ. טאָמער חלילה דערוויישן מיך דאָ די גזלנים, בין איך חס ושלום מיטן נפש ניט זי־כער... (לויפט שנעל דורך די בינע, פאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע פאַרן אַרויסגיין) און איצטער, אַז איך שטיי שוין מיט איין פוס אויף יענער זייט, לאָמיר זען, צי די גאַנצע מעשה איז אַמאָל ניט צוגעשיקט מן השמים... (גייט אַרויס; פון דער צווייטער זייט קומען אַן המן און דער שטערנזעער).

**המן:**

שטערנזעער, פרעג ד שטערנס, צי היינטיקע נאַכט איז מיר מזלדיק.

**שטערנזעער:**

איך פרעג, מיין האַר.

**המן:**

שטעל אָן גוט דיין שפּאַקטיוו און גיב מיר איבער ריכטיק זייער תשובה..

**שטערנזעער:**

יאָ, מיין האַר...

**המן:**

וואָס זעסטו, שטערנזעער?

**שטערנזעער:**

אויפן זיבעטן הימל, אין פינפטן געצעלט, איינגעצוימט אין דרייעק פון פורניות, באַווייזט זיך דער אָריאָן־שטערן. ער ווערט רויט און גיסט זיך אָן מיט בלוט.

**המן:**

וואָס באַטייט עס, שטערנזעער?...

**שטערנזעער:**

פארשיידנס, מיין האר. אומגליקלעכע ליבע און שלאפער מאגן, א מגפה אויף בהמות און דריילינגען פאר ארימע געווינערינס, בייזע בלאטערן, מלחמות...

**המן:**

מלחמות!... יא, עס וועט זיין מלחמה. די שווערדן פון פרס ומדי וועלן זיך אינגיכן צעקלינגען אויף די פעלדער פון גריכנלאנד. שטערנזעער, זאגט נים אמאל ידער אריאן־שטערן, אז דאס לאנד פון די העלענער ליגט אין אונדזער לעבנס־רוים?

**שטערנזעער:**

אלע שטערנס פון אלע זיבן הימלען זאגן, פרינץ המן, אז יעדעס רוים, ווו מען קאן נאר לעבן, איז אונדזער לעבנס־רוים

**המן:**

ריכטיק, שטערנזעער. באקומסט א גילדערנעם רענדל דערפאר. און וואס זעסטו איצט?...

**שטערנזעער:**

אין נייעטן געצעלט זע איך דעם זיבן־שטערן. ער איז איינגעצוימט אין פיר־עק פון גדולות.

**המן:**

און דאס, וואס באטייט?

**שטערנזעער:**

גוטע חתנים און א גערעטעניש אויף אייזלען, לאטעריי־געווינסן און זיסע ליבע־שמערצן, אן אויסכאפעניש אויף טפשים, מיליטערישע נצחונות...

**המן:**

מיליטערישע נצחונות!... גרויסע נצחונות! און וואס פאר א מזל ליגט דער זיבן־שטערן?

**שטערנזעער:**

אין מזל פון לייב, מיין האר. און זיין בילד איז: א לעמפערט, וואס פארצוקט א שעפעלע. דער לעמפערט — דאס ביסטו, פרינץ המן; דאס שעפעלע — דאס איז דאס לאנד פון די העלענער, וואס וועט פון דיר פארצוקט ווערן.

**המן:**

איך וויל ניט אומברענגען גריכנלאנד: כ'וויל עס בלויז באַצווינגען, ארייננעמען אין דער קרוין פון פרס ומדי. שטערנזעער, זאָגט ניט אמאָל דער זיבן־שטערן, אז די גריכן גאָרן נאָר, איך זאָל טאָן מיט זיי מיין ווילן?

**שטערנזעער:**

אלע שטערנס פון אלע הימלען זאָגן, פרינץ המן, אז ווו עס איז נאָר פאַראַן אַ פאָלק אויף דער וועלט, גאָרט עס און טרוימט צו באַצווונגען ווערן דורך דיין מעכטיקן ווילן, פונקט ווי אַ יונג־פרוי גאָרט און טרוימט צו באַזעסן ווערן פון איר באַשערטן.

**המן:**

צי ווייסן עס די מלוכה־מענער פון גריכנלאַנד?...

**שטערנזעער:**

ווייסט דען די ערד, אז זי בענקט נאָכן טוי פון פרימאָרגן, אז זי גאָרט נאָכן רעגן פון די הימלען?... דיין מעכטיקער ווילן איז ווי דער רעגן, וואָס באַלעבט די פאַרטריקנטע ערד.

**המן:**

ריכטיק, שטערנזעער. נאַ, אָט האָסטו נאָך אַ גילדערנעם רענדל. זאָג מיר — איז מזלדיק הייטיקע נאַכט אויף אויסצושרייען דעם גרויסן מלחמה־געשריי קעגן די גריכן?... וואָס זאָגן וועגן דעם די שטערנס?

**שטערנזעער:**

עס האָט זיך אָנגעצונדן דער פאָלאַר־שטערן, פרינץ המן. ער געפינט זיך אין מזל פונעם פיילן־טרעגער. און זיין בילד איז: אַ שיסער, וואָס לעכערט דורך דאָס האַרץ פון דעם שונא. קאָנסט אויסשטרעקן דיין אָרעם, מיין האַר. אלע הימלישע מזלות רוען די נאַכט איבער דיין קאָפּ.

**המן:**

שטערנזעער, אָט האָסטו נאָך דריי גילדערנע רענדלעך. איצט לויף געשווינט און בעט, אין מיין נאָמען, ארייצוקומען אין קיניגלעכן זאַל דעם מלך אחשורוש און זיינע בעלי־יועצים.

**שטערנזעער:**

איך גיי, מיין האַר. (גייט אַרויס).

**המן:**

(אליין) צי קענט איר המנען, דעם זון פון המדתא?... ניין? !... איר קענט אים ניט? !... איר וועט אים קענען! די זין פון הודו ציטערן אויף, דערהערנדיק מיין נאמען; די פרסים און מצרים, די בבלים און אשורים בוקן זיך צו מיר, ווי צו א גאט. ביז די ראנדן פון דער ערד, אינם וויטן כוש אפילו, פארגעטערט מען מיך, אדער מען האט פאר מיר מורא. איך שלינג לענדער, ווי ארבעס. כ'פארטרייב מלכים, ווי די פליגן. המן בן המדתא, דער הימל איז מיט דיר און די ערד וועט זיין דיינע! (גייט ארויס).

**שטערנזעער:**

(פון הינטער דער בינע) קאלעגע הערALD!... קאלעגע הער־ראלד!... (קומט אריין).

**הערALD:**

(גייט אים אנטקעגן, פון דער צווייטער זייט) וואס, קאלעגע שטערנזעער?

**שטערנזעער:**

איך זוך דיך ארום און קאן ניט געפינען.

**הערALD:**

האסטו געדארפט פרעגן די שטערנס, וווּ איך בין...

**שטערנזעער:**

מאכסט חוזק פון אן עלטערן מענטשן...

**הערALD:**

דאס מאכסט דו חוזק פון דער וועלט.

**שטערנזעער:**

ווייס איך וואס דו רעדסט, קאלעגע. כ'האב א ווייב מיט קינ־דער. איך ברויך חיונה. דאס שטיקעלע פרנסה, קאלעגע הער־ראלד. זיי מוחל, רוף אריין אהער דעם קיניגלעכן זאל.

**הערALD:**

כ'וועל דיר צוליב טאן, שטערנזעער. קאנסט גיין אהיים. (שטערנזעער גייט ארויס; הערALD זינגט)

אריין, אריין, אריין, אריין
קיניגלעכער זאל, דו מיין!...

**כאָר:**

(פון הינטער דער בינע) טראַלאַ־לאַ־לאַ!... טראַלאַ־לאַ־לאַ!...

(עס שפּילט מוזיק; אויף אַ גילדערנעם טראָן פירט מען אַריין אחשורושן; נעבן אים האַלטן זיך זיינע דריי בעלי-יועצים: ממוכן, מזומן און כפּרתי; אַרום — הויפליַיט און הויפדאַמען. אַלע זיינען טויט-שכור. המן קומט אַריין און פאַרנויגט זיך צערע-מאָניעל פאַרן מלך)

**אחשורוש:**

המן, עפן אויף דאָס מויל, ווי בלעַמס אייזל, און זאָג דיין פאַרלאַנג... (געלעכטער)

**המן:**

אויב דיר איז וווילגעפעלן, אדוני מלך, היים אַרויסגיין פון דאַנען דעם שר־המשקה, די כלזמרים און די וויַיבער...

**אחשורוש:**

שר־המשקה — הלך, געגאַנגען!... כלזמרים, וויַיבער — פּשאָל!... (העכער) פּשאָל וואָן!!! (אַלע גייען אַרויס) נו, אַרויס מיטן לשון, המן!.... וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג, איז ביי אַ שכורן אויף דער צונג... (אַלגעמיינער געלעכטער)

**המן:**

אדוני מלך...

**אחשורוש:**

(רייסט אים איבער) פון בראָנפן ווערט מען פריילעך...

**מזומן:**

בראָנפן איז דער עיקר...

**ממוכן:**

(פאַרהיקעוועט זיך) פּ־פון בראָנפן ווערט מען ש־שכור... (גע-לעכטער)

**המן:**

(העכער) מאַיעסטעט!...

**אחשורוש:**

(ווי פריער) אַז מען איז שכור, ליגט מען זיך אין בעט...

**כפּרתי:**

אין בעט זאָלסטו ליגן...

**מזומן:**

עסן זאָלן דיך פליגן...

**ממוכן:**

פ־פליגן זאָלן דיך עסן...

**אחשורוש:**

גאָט זאָל אין דיר פארגעסן... (גרויס געלעכטער)

**המן:**

(נאָך העכער) אדוני מלך! !...

**אחשורוש:**

פון בראָנפן ווערט מען מער פריילעך...

**כּפּרתי:**

פריילעך ווערט מען פון ווייז...

**ממוכן:**

מען ג־גייט אין ט־טריאָטער אריין... (קייכן פאר גרויס שמחה)

**המן:**

(שרייט) פּאָטער־קיניג, פּרס ומדי איז אין געפאר!!! מען וויל אונדז דערשטיקן!...

**אלע:**

(פלוצלונג אויסגעניכטערט) דערשטיקן? !... ווער? !...

**המן:**

די יידן און די גריכן.

**אלע:**

והעמען? !...

**המן:**

אונדז, דעם איידעלן שטאָם פון די אריאָם!

**בעלי־יועצים:**

(שטיל) אריאָם־שמאריאָם...

**המן:**

(זינגט) אויף דעם פלאַכלאַנד פון איראַן

איז אַ שטאָם אַזאַ פאַראַן

**אחשורוש, בעלי־יועצים:**

טשירי־באָם, טשירי־באָם, טשירי־באָם, באָם.

המן:

שטאָלץ און איידל, שיין און גוט
טונקט אין חכמה, גלאַנצט מיט מוט

אחשורוש, בעלי־יועצים:

טשירי־באַם, טשירי־באַם, טשירי־באַם, באַם.

המן:

ס'איז דער אַריער־שטאַם פאַראַן
אין איראַן, אין איראַן

אחשורוש, בעלי־יועצים:

טשירי־באַם, טשירי־באַם!...

המן:

די וועלט געהערט צו אונדז, דעם פאָלק פון די האַרן, דעם פאָלק פון די הערשער! די יידן האָבן געפּרוווט אונדז אַרומרינגלען מיט פיינטלעכע לענדער, האָבן מיר איינגענומען די לענדער איינס נאָכן אַנדערן: הודו און סקיטן־לאַנד, בבל און מצרים, ישראל און דעם שוואַרצן כוש — הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות. און די ימים — ווי די יבשה. דער ים־סוף געהערט צו אונדז. דער שוואַרצער ים איז אונדזערער. אויפן העלעספּאָנט וואַכן אונדזערע שיפן. אָבער צום צפון פון דיין קיניגרייך, מיין האַר, געפינט זיך דער ים הגדול, דער גרויסער ים, וואָס ליגט אין מיטן פון אַלע לענדער. און אָט דעם ים, אדוני מלך, מוזן מיר האָבן. מיר ברויכן אים נויטיק, ווי לעבן. „מאַרע נאָסטרום, מאַרע נאָסטרום"! דער ים הגדול מוז זיין אונדזערער! און דערייבער גייען מיר קיין גריכנלאַנד.

אחשורוש:

ע... די גריכן זיינען דען אויך יידן?...

המן:

ניין, אדוני מלך. זיי זיינען אַריער און דווקא כשרע אַריער. אָבער זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון די יידן און זיינען געוואָרן אַ בלינד געצייג אין די יידישע הענט. און אַגב, פאָטער־קיניג, כ'וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד: גריכנלאַנד איז בלויז אַן אָנהויב. צום צפון פון ים הגדול ליגן נאָך אַנדערע לענדער — רייך אין זילבער און אין גאָלד, אין חיות, תבו־

אות און פּרוכטן מכל המינים. אַלץ וועט זיין דיינע, אדוני מלך! דיר וועט געהערן סיי די ערד, וואָס אַלע קענען זי און וויסן, סיי די גרויסע אינדזלען, וואָס דער געוועזער קאָ־לומבוס וועט אם ירצה השם אַנטפּלעקן. און ס׳וועט זיין אַזוי, ווי איך האָב געזאָגט: אונדזער פֿאָלק, דאָס האַרן־פֿאָלק, וועט הערשן איבער דער וועלט און די גאַנצע וועלט מיט קנעכט וועט אונדז באַדינען. (קורצע פּויזע; אונטערטע־ניק) אויב דיר איז ווילגעפעלן, אדוני מלך, לייג צו דעם זיגלרינג צום דאָזיקן באַפֿעל.

**אחשורוש:**

ע... וואָס שטייט דאָרט אַזוינס?...

**המן:**

באַפֿעל פֿון אַלמעכטיקן קיניג אחשורוש צו זיינע רומפֿולע חיילות, זיי זאָלן באַוויליקן איינגעמען דאָס לאַנד פֿון די גריכן...

**אחשורוש:**

ע... בע... (פּלוצלונג, פֿאַרשטייענדיק) מלחמה?!...

**בעלי-יועצים:**

(שוין אינגאַנצן ניכטער) מלחמה?!... ווידער?!...

**המן:**

אדוני מלך, דו ווייסט דאָך, ווי פֿרינע המן פֿירט מלחמה. די גריכן האַלטן שוין גרייט די שליסלען פֿון זייערע שטעט. זיי וואַרטן בלויז אויף אונדזערע אַרמייען. זיגל דעם באַפֿעל, אדוני מלך...

**בעלי-יועצים:**

(שטילערהייט) לאָ, אדוני מלך!...

**המן:**

לייג צו דיין זיגלרינג, אַלמעכטיקער אחשורוש...

**בעלי-יועצים:**

(ווי פֿריער) לאָ — מיט אַן אַלף!

**אחשורוש:**

ע... בע... אפשר אַ ישוב האַלטן?... האַ?...

**בעלי-יועצים:**

אוודאי, אוודאי!...

**אחשורוש:**

ע... די מלכה זאָל געזונט זיין, האָט פיינט מלחמות... ע... אפשר פרעגן ביי דער מלכה, הא?...

**ממוכן:**

(וויל ריידן שנעל, פאַרהיקעוועט זיך נאָך מער ווי שטענדיק) אַ מ־מנהג, אדוני מ־מלך, אַן אַלטער מ־מנהג אין פּ־פּרס... ש־שואל עצה זיין זיך מיט דער מלכה...

**אחשורוש:**

ע... טאַקע אַזוי... פרעגן ביי דער מלכה... אַריינרופן די מלכה...

**מזומן:**

זאָלן טאַקע אַלע הערן דאָס וואָרט פון דער מלכה

**המן:**

גערעכט. אָבער, אדוני מלך, אויב דו ווילסט, מען זאָל זיך צוהערן צום קול פון אונדזער הייס־געליבטער קיניגין, מוזטו זען ראַטעווען פריער איר כבוד.

**אחשורוש:**

ע... איר כבוד?!...

**המן:**

דאָס האַרץ פון דיין געטרייען דינער טוט צעפּלאַצט ווערן פאַר יסורים, הערנדיק אַלע שמועסן בלבולים. וואָס די שונאים פון דיין טראָן פאַרשפּרייטן קעגן דער קיניגין ושתי. מען זאָגט — ניט נאָר אַ האָרן אויפן קאָפּ האָט אונדזער הייס־געליבטע מלכה, נאָר זי האָט אויך געקריגן הינערשע פיס...

**אחשורוש:**

הינערשע פיס?!...

**המן:**

הינערשע פיס, אדוני מלך! מען זאָגט נאָך: איר קיניגלעכע לייב איז אינגאַנצן באַדעקט געוואָרן מיט געלע פעדערן, ווי ביי אַ קוואָקע...

**אחשורוש:**

(שטיקט זיך אַזש פאַר אויפרעגונג) ע... אַ ליגן!... אַ בלבול!...

**המן:**

אדוני מלך, איך פארשוועך דיר, אין נאמען פון פרס ומדי: היים אריינרופן די מלכה און זאָל זי דערשיינען אין די בגדים פון אונדזער מוטער חוה. זאָל די גאַנצע וועלט זען, אַז די קיניגין ושתי איז נאָך אַלע די שענסטע פרוי פון דיין מדינה!...

**בעלי-יועצים:**

אָבער...

**המן:**

פארמאַכט דאָס מויל, זאָג איך אייך!... טוט וואָס דעם מלך איז ווילגעפעלן!... ניט אמת, פּאַטער־קיניג, דיר איז וויל־געפעלן, די מלכה זאָל אַריינקומען אַהער נאַקעט און ווייזן זיך אַזוי פאַר אַלע הויפלייט דיינע?...

**אחשורוש:**

ע... בע... יאָ... זאָל זי אַריינקומען...

**המן:**

דערפילט דעם מלך'ס באַפעל! כפרתי, רוף אריין די מלכה!... מזומן, היים אַריינקומען די הויפלייט!... (כפרתי און מזומן גייען אַרויס; באַלד הויבן אָן אַריינקומען הויפלייט, דינער, מו-זיקאַנטן).

**ממוכן:**

און אויב די מ־מלכה וועט ניט וועלן?...

**המן:**

זי מוז וועלן! אַ מלכה, וואָס ווידערשפּעניקט אין ווילן פון אונדזער אַלמעכטיקן האַר, איז קיין מלכה ניט.

**העראָלד:**

(קומט אַריין) ווילסט דווקא, קאַלעגע אחשורוש?...

**אחשורוש:**

דווקא, קאַלעגע העראָלד...

**העראָלד:**

געדענק, המן פירט דיך אין באָד אַריין.

**אחשורוש:**

ע... איך וויל דווקא...

**העראָלד:**

נו, זאָל זיין, ווי דו ווילסט.
(זינגט) אריין, אריין, אריין, אריין
קיניגין ושתי, דו מיין!...

**כאָר:**

טראַלאַ־לאַ־לאַ!... טראַלאַ־לאַ־לאַ!...

(מוזיק שפּילט; ושתי קומט אריין, באַגלייט פון הויפדאַמען)

**ושתי:**

מיין הייסגעליבטער מאַן, קיניג אונד הערשער — זיי באַגריסט אויף אימער און עוויג!... (פאַרנויגט זיך)

**אחשורוש:**

זיי געגריסט, מלכה ושתי.

**ושתי:**

מיין הייסגעליבטער מאַן אונד הערשער!... איך קאָמע מיך אויף דיזן דומען קערל, אויף דיזן כפּרתי צו בעקלאַגן. ווי וואַגט ער זאָ איין שמוציקן שפּאַס מיט מיר צו טרייבן, מיט מיר, דיין טרייע פראַו, די קיניגין פון פרס ומדי?!!...

**כפּרתי:**

אדוני מלך, איך האָב איבערגעגעבן דיין ווילן...

**אחשורוש:**

ע... ושתי... ס'איז טאַקע מיין פאַרלאַנג...

**ושתי:**

אָה, ניין, גנעדיקער האַר, אַלמעכטיקער אחשורוש!... מיינע אָהרען האָבן זיכער איין אירטום געהאַט!... וואַצו זאָלסטו מיר זאָ איין חרפּה אונד בושה אַנטאַן?!... וואַצו זאָל איך מיך גאַנץ נאַקעט פיר זאָ איין מענגע שכורע גויים ציינגן?!... אום גאָטעס ווילן, איך בין דאָך איין אַנשטענדיקע פראַו, איינע כשרע אישה!...

**אחשורוש:**

ע... שאַט ניט... שאַט ניט... ס'ועט דיר גאָרניט זיין...

**ושתי:**

אַך, מיין גאָט, דערבאַרמע דיך!... רעטע מיין פראַוען־ערע!.. אַלמעכטיקער קיניג, הייסגעליבטער מאַן, איך טו צו דיר קניען און בעטן און וויינען... (פאַלט אויף די קני).

**אחשורוש:**

ע... אַן עק!... טו זיך אויס!...

**ושתי:**

מיין גאָט, מיין גאָט!... זאָ איזט אונדזער פינצטערער מזל:
איין קיניגין און דאָך — ניכט מער, ווי איינע שקלאַפין...
נעמט זיך, אַלע פראַוען, איינען ביישפּיל דאַפאָן!...
(וויינט ביטער, הויבט אָן זינגען).

אוי ווײ, בריינע
די בעסטע שכנה מיינע
מיין הארץ ווערט אין מיר פארברענט
זינט איך האָב דעם מערדער דערקענט

ברוין און בלוי האָט ער מיך געשלאָגן
גרין און געל האָט ער מיך געמאַכט
נאָר ס'איז אַ בזיון אויסצוזאָגן
טאָ האָט יזשע מיר אַ גוטינקע נאַכט.

אוי ווײ, בריינע
די בעסטע שכנה מיינע
מיין הארץ ווערט אין מיר פארברענט
זינט איך האָב דעם מערדער דערקענט.

(אַלע הויפדאַמען און אַפילו הויפלייט וויינען אויפן קול)

**אחשורוש:**

(שנייצט הילכיק די נאָז) נו שאַ, נו שאַ!... ווייסט דאָך, וואָס בין איך פאַר אַ מערדער, וואָס? אַז מען מוז!... נו שוין, זאָל שוין זיין די שיך און זאָקן אַליין, זאָל שוין זיין...

**ושתי:**

אַ הימלישער פאַטער, ליבער פאַטער אין הימל!... (הויבט זיך אָן אויסצוטאָן)

**אחשורוש:**

ע... זיי האָבן אויסגעטראַכט, האָבן זיי, אַז אויסער דעם האָרן דיינעם, ע...

**ושתי:**

(גיט זיך אַ ריס אויף, ווי אַן אָפּגעבריטע) וואַ־אַ־אַם?!!...

**אחשורוש:**

דאָס הייסט... ע... כ'בין גאָרניט אויסן... ע...

**ושתי:**

דו וואַגסט צו ריידן וועגן מיין האָרן ?!!...

**אחשורוש:**

ע... חס ושלום, ושתי לעבן... ניט איך... ע...

**ושתי:**

מיין האָרן ?!... און וויפל הערנער טראָגסטו דאָס, וואָס דו ווייסט אפילו פון דיין קאָפּ ניט צו זאָגן, ווער עס האָט זיי דיר אָנגעהאָנגען ?... (אַלגעמיינער געלעכטער)

**אחשורוש:**

ע... ושתי קרוין...

**ושתי:**

אָנגעזשליאָקעט זיך מיט ווייַן, ווי אַ חזיר און רעדט, דער אַלטער פּיאַניצע, פון שטיין און פון ביין... די מלכה ושתי האָט אַ האָרן... הא, ווי געפעלט אייך די מעשה ?...

**אחשורוש:**

ושתי, לאָז ריידן אַ וואָרט... ניט אַ האָרן, זאָגן זיי, נאָר הי־נערשע פּיס...

**ושתי:**

הינערשע פּיס ?!... וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט היינ־טיקע נאַכט און נעכטיקע און אייערנעכטיקע, זאָל אויסגיין צו זייערע יאָרן און צו דיין פּוסטער, פערדישער קאָפּ!... בהמה!... אַך, מיין הימלישער פאָטער!... וואָ האָבע איך זאָ איינען דומען קערל גענאָמען ?!... (געלעכטער)

**אחשורוש:**

יאָ, יאָ... הינערשע פּיס און פּעדערן...

**ושתי:**

פּיאַניצע!... אַניט ווייסטו, וואָס דו בעבעסט ?... וואַרט, וואַרט, וועסט זיך נאָך ביי מיר אויסריכטן אַ שוואַרצן סוף!... פּרווו נאָר אָקאָרשט אריינקומען אין שטוב אריין... נו,נו, וועסט שוין ביי מיר קרענקען און געדענקען!... אַך, מיין גאָט, פיר איין קיניגין איזט דאָס גאַנץ שרעקליך...

**אחשורוש:**

ע... ושתי, פארגעס ניט, ווער איך בין...

**ושתי:**

א ליימענער גולם ביסטו!... (געלעכטער) א שטרויענע ליאלע, און אויסגעמאלטער למך — דאס ביסטו!... (געלעכטער)

**אחשורוש:**

ע... איך טו באפעלן, טו איך... מיטן קיניגלעכן באפעל, טו איך...

**ושתי:**

דו — מיר?!... (צעלאכט זיך הילכיק) הא, קוקט אים נאר אן, דעם אויפטוער מיינעם!... האסט שוין אפשר פארגעסן, ווער דו ביסט פון צו הויזע?... האסט שוין אפשר פארגעסן, וואס דו ביסט געווען ביי מיין זיידן, דעם גרויסן קיניג נבוכדנצר, א ליכטיקן גן עדן זאל ער האבן?!... א שמייסער ביסטו געווען, א שטאל־יונג!... (טומל)

**אחשורוש:**

ס'א ליגן!... ס'א שקר!...

**ושתי:**

און ווען ניט איך, וואלסטו אזוי געווען מלך פון פרס ומדי, פונקט ווי איך בין א רבצין. ניט אויפן טראן וואלסטו געזעסן, נאר געלעגן טיף אין דר'ערד, אזוי ווי דו וועסט נאך אם ירצה השם ליגן, אמן!... גיי שלאף זיך אויס, אלטער שכור, וועסט נאכדעם ערשט אריינכאפן פון מיר דעם אמתן גאב... אך, מיין גאט, מיין גאט, דאס איז גאנץ שאודערליך!... (גייט שטאלץ ארויס, די הויפדאמען נאך איר)

**המן:**

אדוני מלך, די קיניגין ושתי האט געטאן ווידערשפעניקן אין דיין ווילן...

**אחשורוש:**

ע... יא... ווידערשפעניקן...

**המן:**

זי האט געטאן מאכן צו שפאט און צו שאנד פון דיין קיניגלעכער מאיעסטעט...

**אחשורוש:**

אוי ווײ־ווײ־ווײ!...

**ממוכן:**

נעבעך... וו-וואָס וועלן איצטער ז־זאָגן אונדזערע וו-ווײבער און אַלע האַרנטעס פון פ־פּרס ומדי?...

**מזומן:**

זײ וועלן חוזק מאַכן פון אונדז...

**כּפּרתי:**

פונקט ווי די מלכּה ושתּי האָט חוזק געמאַכט פון מלך אחשורוש...

**המן:**

אַזױנס טאָר ניט געדולדעט ווערן! אויב דיר איז ווױלגעפעלן, אדוני מלך, גיב אַרױס אַ באַפעל, אַז פאַרן גרױסן פאַרברעכן, וואָס די מלכּה ושתּי איז באַגאַנגען, זאָל מען איר תּכף אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

**בעלי-יועצים:**

פּע!... פּע!...

**ממוכן:**

העכסטנס, ג־גט זי אָפּ, אדוני מ־מלך...

**מזומן:**

גערעכט! אַ גט איז דאָס בעסטע...

**כּפּרתי:**

ס'איז קײלעכיק און שפּיציק...

**אחשורוש:**

ע... אַ גט, זאָגט איר?... זאָל זײן אַ גט...

**ממוכן:**

נאַ, אדוני מלך, פּ־פּאַרטיק די זעקס ש־שורות. לײג צו דעם זיגלרינג...

**אחשורוש:**

(זיגלט) ושתּי נעבעך...

**המן:**

אויס ושתּי, אדוני מלך, ניטאָ מער קײן ושתּי! און איצט,

אויב דיר איז ווילגעפעלן, לייג צו דעם זיגלרינג צו דעם מלחמה־באַפעל...

**ממוכן:**

ג־געדולדה, פרינץ המן... אַן אַלטער מ־מנהג...

**המן:**

(דראָענדיק) ווידער דיינע מנהגים ? !...

**ממוכן:**

אַזוי לאַנג, ווי דער מלך איז אַ ג־גרוש, טאָר מען ניט אויס־רופן דעם ג־גרויסן מ־מלחמה־רוף...

**המן:**

אַהאַ, איז צוליב דעם האָסטו עס געעצהט אָפּצוגטן ושתין ?...

**ממוכן:**

און צוליב וואָס האָסטו גערעטן איר אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ ?...

**המן:**

מיינסטו טאַקע באמת, אַז ושתים האָרן וועט אָפּהאַלטן אונ־דזערע חיילות צו פאַרנעמען גריכנלאַנד ?...

**ממוכן:**

אַכציק ש־שוואַרץ יאָר אויף דיין ג־גריכנלאַנד !... דער ק־קענצלער פון פ־פרס ומדי דאַרף אָפּהיטן די ח־חוקים און מנהגים...

**המן:**

איז אפשר דאָ אַ חוק, וואָס דערלויבט אַ קענצלער זיך קעגנשטעלן דעם שני למלך ? !...

**ממוכן:**

נ־ניין, ניטאָ אַזאַ חוק.

**המן:**

איז אפשר דאָ אַ מנהג, וואָס פאַרוועריט חתונה האָבן גלייך נאָך אַ גט ? !...

**ממוכן:**

נ־ניין, ניטאָ אַזאַ מנהג.

**המן:**

אויב אַזוי, האַר קענצלער, נעם דיין פען און שרייב, ווייל

דער שני למלך הייסט. (ממוכן זעצט זיך שרייבן, המן דיק-טירט) קול-קורא. צו אַלע האָרן סאַטראַפּן פון קיניג אחשורוש צו אַלע פירשטן, וואָס איבער איטלעכער מדינה.

**ממוכן:**

(שרייבנדיק) ד־דינה...

**המן:**

(דיקטירט ווייטער) מלכה ושתי אראָפּגעזעצט, צוריקגעשיקט אין דאָרף פּאַשען חזירים...

**ממוכן:**

(שרייבנדיק) חזירים, ווי המן אגגי... (געלעכטער).

**המן:**

(בייז) סטאָפּ! (דיקטירט ווייטער) פאַרטרעטערין תכף געזוכט. יונג, שיין, ריינער אַריער־יחוס, אַ בתולה.

**ממוכן:**

(שרייבנדיק) אַ בתולה... ור־ווי ושע דען — פּ־פּאַרן מלך?...

**אחשורוש:**

ע... כ'מיין... לאו דווקא... אפשר... ע... צו לאַנג צו זוכן...

**המן:**

אָדער אַ האַלבע בתולה...

**אחשורוש:**

מוחל, מוחל...

**המן:**

איז אַ פּערטל. סטאָפּ! אַרויסשיקן קיניגלעכער פּאַלאַץ שושן הבירה. נו, ממוכן, וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג?...

**ממוכן:**

אַטאַ שוין, פּ־פּרינץ המן. איך מוז עס מ־מאַכן בנוסח ק־קענצלער... פּאַרטיק!

**המן:**

אצינד, לייג צו דיין זיגלרינג, אדוני מלך. (אחשורוש זיגלט). בעל־קורא, לייען פאַרן פּאָלק דעם קיניגלעכן באַפעל.

**בעל-קורא:**

(גייט צו צו דער ראַמפּע, קלאַפּט אין פּויק, לייענט) אַלערהעכ־

סטער באפּעל פון אַלמעכטיקן אחשורוש, ירום הודו, קיניג פון פרס ומדי!... (פויק) קול קורא!... (פויק) היות ווי דעם אַלמעכטיקן קיניג אחשורוש איז ווילגעפעלן געוואָרן אָפּצו־שיידן זיך פון דער אומווירדיקער קיניגין ושתי און זי שיקן אין דאָרף פּאַשען חזירים; היות אָבער ווי אַזאַ כשרער צדיק, ווי דער גוטער און גאָטספאָרכטיקער קיניג אחשורוש טאָר חלילה אָן אַ ווייב ניט בלייבן; בכן, טוען מיר באַפוילן, אַז ווו נאָר אַ יונג מיידל פון ריינעם אריער־יחוס, שיין פון פנים און פיין פון געשטאַלט, אַ גאַנצע בתולה, אַ האַלבע בתולה, צי אפילו אַ פערטל בתולה — זאָל זי תכף ומיד געבראַכט ווערן, אָדער אַליין קומען אין קיניגלעכן פּאַלאַץ און דאָס מיידל, וואָס וועט נושא חן זיין ביים מלך אין די אויגן, וועט ווערן מלכה פון פרס ומדי... קול קורא!... (פויק).

**פרשנדתא:**

(קומט אַריין) אדוני מלך, דער באַרימטער שדכן מרדכי בן יאיר קומט מיט אַ שידוך פאַר דיר...

**אחשורוש:**

זאָל ער אַריינקומען.

**מרדכי:**

(לויפט אַריין) סטייטש און סטייטש — צו וואָס אַזאַ געדרודל? ! צו וואָס דער גאַנצער טומל? ! איר וואָלט געזאָגט מרדכין איין וואָרט — ברענגט ער אייך כלות פערווי סאָרט. און אָן אויסוואַל, קיין עין־הרע, דער גרעסטער אין דער וועלט! קאָנסט דיר קלויבן, זוכן, וויפל דיר געפעלט.

**אחשורוש:**

ע... וואָס אַזוינס ברענגסטו, מרדכי בן יאיר?

**מרדכי:**

מכל המינים, אדוני מלך! גרויסע, ווי שבת הגדול און קליינע, ווי קורץ־פרייטיק. שוואַרצע, ווי אַ פאַרשרפטער קוגל און רויטע, ווי אַ רעכט איינגעפרייעטער מערן־צימעס. פעטע, ווי די איילבערטן פון יהודה און מאָגערע, ווי אַ האַלבע טויט קרחותן פון ישראל.

**ממוכן:**

(אַנציקט) ק־קומסט פונקט צו דער צ־צייט, רב שדכן...

**מרדכי:**

וואָס הייסט — איך קום?!... ווי נאָר איך האָב געטאָן הערן, אַז דער מלך איז נעבעך אַ גרוש געוואָרן, אַזוי בין איך געפלויגן איבער בערג און איבער טאָלן, איבער ימים און יבשות, כדי אים אָפּצוראַטעווען פון חלשות... הערסט, אדוני מלך, וועסט נאָר אַ קוק טאָן אויף מיין ביסל כלות, וועט דיר ווערן אַ ליכט אין די אויגן און אין אַלע אברים — זאָל אַזוי איינג כן אונדזער ליבער פרינץ המן האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן...

**אלע:**

אָמן...

**מרדכי:**

אדוני מלך, עס שטייט געשריבן אין פסוק: ותחיה, זאָל לעבן... איז דער טייטש: זאָל לעבן אונדזער אַלמעכטיקער קיניג אחשורוש ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! מאַכט אָבער רשי: מיט אַ ווייב!... ווייל, משטיינס געזאָגט — וואָס פאַר אַ לעבן איז דען אָן אַ ווייב?... אמת, אדוני מלך, מיט אַ ווייב איז טאַקע ערשט ביטער, ווי די גאָל, אָבער אָן איר איז דאָך פּאָרט ערגער... הא, ווי האַלטסטו, אדוני מלך?...

**אחשורוש:**

בע... מע...

**מרדכי:**

גאָלדענע ווערטער!... טייערע רייד!... שלמה המלך וואָלט בעסער ניט געזאָגט. הייסט טאַקע דער פסוק: בחפזון! אַ שידוך טאָר מען ניט פאַרשלאָפן, מען טאָר ניט וואַרטן! האָב איך העריבער, אדוני מלך, געטאָן קלאַפּן דעפּעשן אין אַלע דיינע הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות און באַפוילן אַרויסשיקן אַהער, תכף ומיד, מיט עקסטרא־פּאָטשט, עטלעכע פאַרטיעס כלות פאַר דיין מאַיעסטעט. שאַ, (הערט זיך צו) מיר דוכט, זיי זיינען שוין אָנגעקומען. וועסט אַליין קלויבן, אדוני מלך. קאָלעגע העראָלד, רוף אַריין דאָס ביסל כלות, זאָג ניט אָפּ...

**הערָאלד:**

אָפּזאָגן מרדכי הצדיק?... חס ושלום!...

(זינגט) אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע כלות, דו מיין!...

**כאָר:**

טראַלאַ־לאַ!... טראַלאַ־לאַ־לאַ!...

(עס הויבט זיך אָן אַ פּראָצעסיע פון כלות).

**העראָלד:**

האר קאַפּעלמייסטער, אַ פרייליכס פאַר דער כלה מייטע!... אויגעלעך, ווי פויגעלעך; אַ נעזל ווי אַ העזל, אַ מײַלכל ווי אַן אויסגעשניצטע פײַלכל...

**אחשורוש:**

ע... וואָס טראָגט זי אויף זיך פאַר אַ פּעק?...

**מרדכי:**

נעבעך — אַ האָרב פון הינטן און אַ האָרב פון פאָרנט...

**המן:**

ווייטער יהודי!... (מרדכי גיט אַ צייכן דעם העראָלד)

**העראָלד:**

האר קאַפּעלמייסטער, אַ וואַלאַכל פאַר דער כלה יענטע!... אַ קעפּל ווי אַן עפּל, בעקלעך ווי רויטע תפילים־זעקלעך, ציינדעלעך — אמתע בורשטיינדעלעך...

**אחשורוש:**

ע... וואָס שלעפּט זי זיך אַזוי, וואָס?...

**מרדכי:**

נעבעך — דער לינקער פוס מיט איין אייל קירצער פאַרן רעכטן...

**המן:**

ווייטער יהודי!.. (מרדכי גיט אַ צייכן דעם העראָלד)

**העראָלד:**

האר קאַפּעלמייסטער, אַ מאַרש פאַר דער כלה שפּרינצע!... אַ מיידל ווי אַ קניידל, פּיסלעך ווי ניסלעך, צעפּלעך ווי האָ־ניק־קרעפּלעך...

**אחשורוש:**

ע... וואָס איז זי אַזוי גרין, ווי גראָז?...

**מרדכי:**

נעבעך, נעבעך — ערשט היינט אויפגעשטאַנען פון אַ שווערן קינפּעט.

**אחשורוש:**

ע... בע... מרדכי, האָסט בלויז אַזעלכע פאַרלעגענע סחורה?!..

**מרדכי:**

חלילה, אדוני מלך! דאָס האָב איך דיר ערשט געוויזן וואָס פאַר אַ כלות דו זאָלסט נ י ש ט נעמען. ס'פעלט ברוך השם ניט עפּעס רעכטס ביי מרדכי בן יאיר. קוק, אדוני מלך, די יפה־פיה'עס וואָס קומען אָן; איינע אין איינער, איינע שענער פאַר דער צווייטער! לעבעדיקער כלזמרים, אַ פריילעכס פאַר די כלות פון קיניג אחשורוש!... פאַר אַלע כלות — קליינע און גרויסע, אָרימע און רייכע! אדוני מלך, זאָל זיין אין אַ מזלדיקע שעה — קלויב דיר אויס דיין באַשערטע דאָ...

(עס גייען דורך, איינע נאָך דער אַנדערער, דריי שיינע כלות, וועלכע נעמען שטאַרק אויס סיי ביים מלך, סיי ביי די הויפּלייט. די לעצטע קומט אַריין אסתר. אַלע ווערן פאַרגאַפט. אחשורוש פאַרלירט אַזש דעם אָטעם פון גרויס התפעלות און קלויבט זי אויס).

**פאָרהאַנג.**

# צווייטער אקט

**הערָאלד:**

(פאַרן פאַרהאַנג) ויהי... און עס איז געווען... און דער מלך האָט ליב געקריגן אסתרן מער פון אַלע ווייבער און זי האָט געקריגן ביי אים חן און לייטזעליקייט מער פון אַלע פרויען, און ער האָט אָנגעטאָן אַ מלכות־קרוין אויף איר קאָפּ און זי געמאַכט פאַר אַ מלכה אָנשטאָט ושתין.

וועל איך אייך איצט, מיינע דאַמען און קאַוואַלירן
אויף אסתר המלכה'ס חתונה טאָן פירן
(זינגט) אריין, אריין, אריין, אריין
קיניגלעכער פּאַלאַץ, דו מיין!...
אריין, אריין, אריין, אריין,
קיניגלעכער פּאַלאַץ, דו מיין!...

(עס עפנט זיך דער פאַרהאַנג. אַ זאַל אין קיניגלעכן פּאַלאַץ. מרדכי און המן טרינקען לחיים).

**המן:**

לחיים, מרדכי בן יאיר... (טרינקט)

**מרדכי:**

(אין אַ זייט) מיטן קאָפּ אין דער אדמה!...

**המן:**

איי, מרדכי, מרדכי!... דוכט זיך — וואָס פעלט פרינץ המנען?... ווער אויף דער גאַנצער וועלט קאָן זיך גלייכן צו פרינץ המנען?... ווער איז אַזוי באַרימט?!.. אַזוי מעכטיק?!... אַזוי רייך?!... און דאָך — הבל הבלים, גאָרנישט מיט נישט... וואָס דאַרפסטו מער?... לאַנגע יאָרן האָב איך בסוד־סודות געגרייט די מלחמה קעגן יוון, און היינט, אַז אונדזערע מעכטיקע חיילות זיינען לסוף אין גריכנלאַנד און קוילענען און ברענען און מאַכן כעפּרא־דאַרעא פון אַלעם לעבעדיקן — איז וואָס מיינסטו?... אָנשטאָט צו טריומפירן, אָנשטאָט צו יובלען, זיץ איך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

מרדכי:

טאקע אַן עולה, בן המדתא. מילא, די מלחמה דיינע, ווי די מלחמה — (שטילער) אויף דיר אַ שוואַרץ יאָר!... אָבער אַז מען גייט למזל פירן דעם קיניג אחשורוש צו דער חופה, וואָלסטו געמעגט זיין אַ ביסל יאַנטעוודיקער.

המן:

רייד ניט, מרדכי! יעדעס וואָרט דיינס איז מיר ווי אַ מע־סער אין האַרצן...

מרדכי:

(שטילערהייט) אלעוואי, רבונו של עולם!...

המן:

פרעגסט גאָרניט פאַרוואָס?...

מרדכי:

כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, פּרינץ המן: איך בין בטבע אַ ייד ניט קיין משעקאַווער...

המן:

ביסט שוין איינמאָל אַ פויגל, מרדכי!... אַ כיטרער פוקס! אַלע יידן זיינען דאָך שאַכערס — אָבער דו ביסט אַ שאַכער שבשאַכער, אַ דרייער שבדרייער, אַ שמד־קאָפּ, אַ גנב, אַ וויסל פון אויג!... לחיים מרדכי הצדיק!...

מרדכי:

(אין אַ זייט) ווער די כפרה!..

המן:

פאַרוואָס ביסטו מיר אַ שונא, מרדכי?... אדרבה, זאָג פאַר־וואָס?... וואָס האָסטו צו מיר?!...

מרדכי:

איך צו דיר?!... אַן איינפאַל אַ ביסל! זאָל דאָס דיר מקוים ווערן כּאָטש אַ צענטהלק, וואָס איך ווינטש דיר.

המן:

אָט אשטייגער, וואָס וואָלט דיר געאַרט, ווען דו טוסט אַמאָל צו מיר זיך בוקן?....

מרדכי:

(אין אַ זייט) ברעך פריער האַלדז און רוקן!

**המן:**

אַלע בוקן זיך צו מיר... אַלע — נאָר ניט דו, נאָר ניט מאָר־טיע היהודי... (שאָקלט שכורלעך מיטן קאָפּ) דיר וועט עס פּאַר־דריסן, געדענק! בעסער לאָמיר מאַכן שלום. לאָמיר ווערן גוטע פריינט.

**מרדכי:**

מהיכא־תיתי — מער ניט, ס׳איז דאָ ביי אונדז א משל: א וואָלף האָט זיך אמאָל אָנגערופן צו א שעפּס — לאָמיר מאַכן שלום, לאָמיר ווערן גוטע פריינט... מאַכט רב שעפּסל: רב וואָלף־לעבן, וואָס וועט איר האָבן פון מיין גאַנצער פריינטשאַפט, אז בסך־הכל, אזוי ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך נעבעך, ניט פאר אייך געדאַכט, גאָלע הויט און ביינער...

**המן:**

לאָז שוין דיינע לצנות, מרדכי, און זאָל זיין געענדיגט מחלוקות... לחיים בן יאיר (שוין רעכט שכור) און גאָט זאָל געבן...

**מרדכי:**

א פאָהיבעל אויף אַלע המנס — פון היינט און פון מאָרגן, ביז אין דור דורות אריין!...

**המן:**

אמן!... (טרינקען) מרדכי, איך פיל, אז דו ווערסט מיין פריינט. איא, מאָטל?...

**מרדכי:**

(שטילערהייט) אזא יאָר אויף דיר.

**המן:**

קום אהער נענטער, רוק זיך צו. איך וועל דיר מגלה זיין דעם סוד פון מיין גבורה. (עפנט דאָס מויל) זעסט?...

**מרדכי:**

די ציינער?...

**המן:**

בלויז אן אָנשטעל.

**מרדכי:**

די צונג?...

**המן:**

גוט פאר פלוידערזעק.

**מרדכי:**

וואָס זשע דען — דער גאָרגל ?...

**המן:**

דאָס קול, מרדכי היהודי, דאָס קול !... ווי אַזוי מיינסטו בין איך עס געוואָרן דער גרעסטער מלוכה־מאַן פון אַלע צייטן ?.. ווי אַזוי האָב איך פאַרשטעקט אין אַרבל אַלכסנדר מוקדון, און האַניבאַל פון קאַרטאַגען, און דעם רוימער יוליוס צעזאַר, און דעם קליינעם קאַפּראַל נאַפּאָלעאָן ?... ווי אַזוי מיינסטו, געווין איך די גרעסטע שלאַכטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע אָן איין שאָס ?... מיט מיין קול !... אַ לייבן־געבריל (ברילט), אַ טיגער־געברום (ברומט), אַ שאַקאַלן־געשריי (שרייט) און דעם שונא ווערט פינצטער אין די אויגן. דאַן קומט אונטער מיין אַרמיי און טוט איין בלאָז : פּפּפּ !... און פאַרטיק ! ס'איז שוין נאָך אַלעמען. אַזוי האָב איך אויפגעבויט די גרעסטע קיניגרייך אין דער וועלט. אַזוי האָב איך איינגענומען אשור און בבל און מצרים. אַזוי וועט איך ענדיקן גריכנלאַנד. גלויבסט ניט ?...

**מרדכי:**

וואָס הייסט איך גלויב ניט ?...

**המן:**

טאָ וועסטו אַליין הערן... איך וועל דיר באַלד ווייזן המנס קול... (לאַכט צופרידן, שטעלט זיך אין אַ העלדן־פּאָזע, מאַכט שכורע האַוואַיעס; גיט אַ ברום ווי אַ לייב) ווו איז ער דאָס, דער הינטישער זון, וואָס וויל ניט פאַלן כורעים פאַר בן המדתא ?!... ווו זיינען זיי דאָס — די אַלע, וואָס שטעלן זיך קעגן דעם ווילן פון אַלמעכטיקן גאָט און פון פּרינץ המן ?!... ציטערט — איר טעלערלעקער, פלאַקנשיסער, הינטנקושער, מערידאַלניקעס, פאַרכעס !!! מיין געדולד איז אויס !.. איך וועל אייך אויסראָטן, ווי די מייז, אויסבריען ווי די וואַנצן — איר שרצים, מנוולים, פאַרעטער, מלחמה־צינדער !!!! (לאָזט אַרויס אַ לאַנגן געברום; ווישט זיך דעם שוויים, שמייכלט איראָניש) נו וואָס, מרדכי ?...

**מרדכי:**

דאָס אינגאַנצן ?...

**המן:**

דאָס איינגאַנצן — אַ העזה אַ ביסל!... וואָס איז — קענסט אפשר בעסער?...

**מרדכי:**

ס'קאָן זיין. איך האָב קיינמאָל ניט געפּרווווט.

**המן:**

נו אדרבה, פּרוּוו טאַקע.

**מרדכי:**

אויב דו ווילסט הווקא, וועל איך דיר צוליב טאָן, אָבער געדענק — זאָלסט נאָכדעם קיין טענות ניט האָבן. (שטעלט זיך אין אַ העלדן-פּאָזע, הוסט זיך אויס, מאַכט זיך מוט און גיט אַ ברום, ווי אַ לייב) המן הרשע, אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין!... צורר היהודים, אין דיין מאַמעס מאַמען אַריין!... וואָס מיינסטו זיך, וואָס — ווי לאַנג נאָך וועסטו צאַפּן אונדזער בלוט?!... ווי לאַנג נאָך וועסטו באַלעבאַטעווען איבער אונדזער לעבן, איבער אונדזער האָב-און גוטס?!... מיר האָבן ברוך השם אַ טאַטן אין הימל און ער וועט דיך אינגיכן לייגן ניין איילן אין דר'ערד, אין דיין זיידנס באָבען אַריין!... פון דער תליה וועסטו זיך בוקן, דו און דיינע צען בנים מיט דיר אינאיינעם, און שוואַרצע ראָבן וועלן פּיקן דיינע אויגן!... (ברומט).

**המן:**

(אויסגעניכטערט און דערשראָקן) גענוג!... גענוג!...

**מרדכי:**

(אומשולדיק) נו, וואָס — שלעכט געמאַכט?...

**המן:**

ניין, כ'זאָג ניט, אַז שלעכט. ניט מער האָסט אָנגעיאָגט אַ מרה שחורה אויף מיר. מרדכי, שוין אַ וואָך צייט, ווי דאָס לעבן איז מיר ניט ניחה... ניט איך עס, ניט איך שלאָף, כ'לייד איבערמענטשלעכע יסורים...

**מרדכי:**

נעבעך, פּרינץ המן... (אין אַ זייט) אויף דיין בלייבעניש זאָל דאָס זיין!...

המן:

כ'וועל דיר פארטרויען נאָך א סוד, מרדכי, א מוראדיקן סוד: איך בין פארליבט.

מרדכי:

רחמנא לצלן...

המן:

שרעקלעך פארליבט!... דערשיטערנדיק!...

מרדכי:

איי, איי, איי!... נו, און ווער איז זי דאָס — כ'מיין די יפה־פיה?

המן:

אסתר.

מרדכי:

ווער?...

המן:

אסתר.

מרדכי:

אסתר המלכה?!...

המן:

(חזרט אָן אויפהער) אסתר, אסתר, אסתר!...

מרדכי:

ניט אנדערש, דו ביזט פון זינען אראָפּ.

המן:

כ'בין טאַקע אראָפּ פון זינען, מרדכי.

מרדכי:

וואָס הייסט?... ווייסט דען, וואָס דו רעדסט?... אחשורוש גייט דאָך זי מקדש זיין!...

המן:

מרדכי, דו ווייסט ניט, ווי די ליבע פלאַקערט אין מיר. דו קענסט מיך ניט, מרדכי. מיט גוטן צי מיט בייזן: אסתר מוז זיין מיינע! זי וועט זיין מיינע! דו וועסט מיר העלפן זי באַקומען.

מרדכי:

איך?...

המן:

יאָ, דו. איך ווייס — אסתר פּאָלגט דיר. לייקן ניט. המנס קלוגע לייט ווייסן אַלץ. הער אוים: היינט ביינאַכט, ווי נאָר אחשורוש וועט איינשלאָפן, זאָל אסתר זיך ארויסשלייכן פון פּאַלאַץ און אריינגיין אין קיניגלעכן גאָרטן. דער וועג וועט זיין פריי. איך וועל צונעמען אלע שומרים. זאָל זי קומען צום פּאַנטאַן. דאָרט וועל איך וואַרטן אויף איר.

מרדכי:

כ'מיין, המן, וואָס פאַר א פּנים האָט עס מיך צו שיקן מיט אַזעלכע שליחותן?...

המן:

און פאַרוואָס דען ניט?!.. ביסט אפשר ניט מיין פריינט, וואָס?!.. מרדכי, רייד מיר ניט אַנטקעגן. כל זמן איך בין גוט, בין איך גוט, אָבער — געדענק!... (באַהערשט זיך) איך האָב דיר געזאָגט, מרדכי, אַז אָן אסתרן איז מיין לעבן קיין לעבן ניט. פאַרשטייסטו דאָך שוין, אַז ד יי ן לעבן איז אוודאי קיין לעבן ניט. און טאָמער איז וויניק — טאָ זיי ווייסן, אַז אויב אסתר וועט היינטיקע נאַכט צו מיר ניט אַרויסקומען, וועלן פאַר דעם באַצאָלן אַ ל ע יידן פון פּרס ומדי. איצט, טו ווי דו פאַרשטייסט... (גייט ארוים).

מרדכי:

(אַליין) רוצח, רשע מרושע!... זע נאָר, ווי די בייזענע יוכע האָט זיך דאָס אין אים אָנגעצונדן... אַז ברענען זאָלסטו ווי קין!...פאַרשטערט מיר די גאַנצע שמחה...

אסתר:

(קומט אַריין, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, לויפט צו צו מרדכין און וואַרפט זיך אים אויפן האַלדז) אָנקל מרדכי!...

מרדכי:

אסתרקע!... (זי הויבט אָן וויינען) גאָט איז מיט דיר, קינד מיינס — וואָס וויינסטו?...

אסתר:

ווי זאָל איך ניט וויינען, אָנקל מרדכי, אַז איך פיל מיך אַזוי אומגליקלעך?...

**מרדכי:**

טפו, משוגע, מיינע שונאים!.. אומגליקלעך?... געהערט א ביסל!... אפשר דערפאר, ווייל דו ווערסט מלכה פון פרס ומדי?...

**אסתר:**

דערפאר ווייל איך ווער אחשורושעס ווייב.

**מרדכי:**

אחשורוש טוט קיניגן פון הודו ביז כוש, איבער הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות...

**אסתר:**

ער איז אלט, ער איז מיאוס, ער איז מיר דערווידער!...

**מרדכי:**

נשקשה, נשקשה, ער קאן נאך זיין שטעטל באשטיין... גאנץ פרס ומדי איז דיר מקנה...

**אסתר:**

די מלכהשאפט, אבער ניט דעם מלך...

**מרדכי:**

זאל זיין די מלכהשאפט. כ'מיין — א קיניגלעכער טראן גייט טאקע ניט צופוס...

**אסתר:**

דער טראן איז פאר מיר א יסורים־בעטל, דער פאלאץ א תפיסה!...

**מרדכי:**

הערסט, אסתר, דיין גליק, וואס ביי דיר איז ערב חופה. אניט וואלט איך אויסגעבאטלט צו דיר, וואס עס וויקלט זיך מיר אויפן הארצן. זאג נאר, טאכטער, דו ווייסט כאטש וואס דו ווילסט, הא?!...

**אסתר:**

וואס איך וויל?... מיין ליבסטן וויל איך.
(זינגט) אוצרות, רייכטימער וואס טויגן
אז איך דארף זיי ניט צומאל
צו מיין ליבסטן כ'וואלט געפלויגן
איבער בארג און איבער טאל.

בעטן גילדענע וואָס טויגן
אַז ס'איז לאַנג אויף זיי די נאַכט
ס'וואָלט מיין ליבסטער, פייל פון בויגן
מיך צו זיך אַהיים געבראַכט.

סאַליעם ליכטיקע וואָס טויגן
אַז מען איז אין זיי אליין
אָן מיין ליבסטנס קלאָרע אויגן
בין איך עלנט ווי אַ שטיין. (וויינט)

**מרדכי:**

נו, שאַ, אסתר, הער אויף צו וויינען. מען זעט דאָך — ס'איז מן השמים. (גלעט זי) איך פאַרשטיי: ס'טוט וויי, דאָס געזעגענען זיך מיט די חלומות, דאָס געזעגענען זיך מיט די יונגע, פרייע יאָרן... נו, שוין, גענוג!... מאַך מיר ניט שווערער מיין געמיט, עס איז אַזוי אויך שוין ניט לייכט... אַזוי פיל שוואַרצע וואָלקנס איבער אונדזערע קעפּ!.. אַזוי פיל גזירות און פורניות אויף אונדז! און טאָמער איז ווייניק געווען, האָט מיר איצט המן... (רייסט איבער).

**אסתר:**

וואָס, אַנקל מרדכי?...

**מרדכי:**

(וואַקלט זיך, באַשליסט לסוף) גאָרניט, גאָרניט... עס וועט זיין, ווי ס'איז באַשערט. וויש אָפּ די טרערן, מיין קינד. דו דאַרפסט היינט זיין שיין. איך וועל דיך בענטשן צו דער חופה, אסתר. ביסט אַ יתומה — און פלייש פון מיין פלייש, און בלוט פון מיין בלוט. אפשר וועט דורך דיר קומען די גאולה.... אפשר וועלן אין דיין זכות יידישע קינדער ניט דאַרפן מער באַהאַלטן זייער שטאַם, כדי צו קאָנען לעבן... גאָטס גענאָד זאָל זיין מיט דיר תמיד, אסתר המלכה (קושט זי) מיר דוכט, דער מלך קומט. איך גיי. (גייט שנעל אַרויס; פון דער צווייטער זייט קומט אַן אחשורוש)

**אחשורוש:**

מיין ענגל!... מיין שאַץ!...

**אסתר:**

(פאַרנייגט זיך) פאָטער־קיניג...

**אחשורוש:**

רוף מיך בעסער: ליבכען...

**אסתר:**

איך האָב ניט אַזאַ העזה...

**אחשורוש:**

ס'מאַכט ניט אויס. איך דערלויב.

**אסתר:**

(שטיל) ליבכען...

**אחשורוש:**

אָ, מיין שאַץ!... ע... זאָג, אַז דו האָסט מיך ליב...

**אסתר:**

איך שעם זיך, פּאָטער־קיניג...

**אחשורוש:**

אָ, מיין ענגל!.. זאָג: אחשורושל, מיין ליבכען...

**אסתר:**

אחשורושל, מיין ליבכען...

**אחשורוש:**

מיין שאַץ!... זינט איך האָב דיך דערקענט, בין איך געוואָרן גאָר אַ נייער מענטש. אויס ברעכעניש אין קרייץ, אויס נאָגעניש אונטערן לעפּעלע, אויס צופּעניש אין די קניען, אפילו דער אַלטער הוסט איז מיר אַוועק, ווי מיטן האַנט אַראָפּגענומען... (צעהוסט זיך לאַנג) וועסט ביי מיר זיין די גליקלעכסטע מלכה אויף דער וועלט... ע... זאָג וואָס דיין פאַרלאַנג איז, ביז אַ האַלבע מלוכה וועט געטאָן ווערן...

**אסתר:**

אַ דאַנק, פּאָטער־קיניג. איך פאַרלאַנג גאָרניט.

**אחשורוש:**

ע... אפשר איז דיר ווילגעפעלן, איך זאָל אָפּשיקן אין זייערע היימען מיינע דריי הונדערט פינף און זעכציק קעפּסווייבער און זיך פאַרנעמען נאָר ע...

**אסתר:**

מיט וועמען?...

**אחשורוש:**

מיט אסתר המלכהן!...

**אסתר:**

ניין, ניין!... (בייט דעם טאָן) ליבכען, איך שעם זיך...

**אחשורוש:**

מיין ענגל!... מיין שאַץ!...

**אסתר:**

שיק ניט אָפּ דיינע קעפּסווייבער... ס'איז זיי נעבעך אַ רחמנות.

**אחשורוש:**

ע... גאָט זאָל דיר באַצאָלן פאַר דיין גוט האַרץ.

**אסתר:**

אדרבה, נעם דיר נאָך אַ פּאָר הונדערט ווייבער...

**אחשורוש:**

אויב דאָס איז דיין פאַרלאַנג?...

**אסתר:**

יאָ, ליבכען, טו עס

**אחשורוש:**

ע... דיר צוליב, מיין שאַץ!... נאָר דיר צוליב!... (וויל זי אַרומנעמען)

**אסתר:**

(באַפרייט זיך פלינק) פּאָטער־קיניג, איך הער, די כּלזמרים זיינען שוין געקומען. איך וועל גיין אָנטאָן מיין חופּה־קלייד. (לויפט אַרויס)

**אחשורוש:**

(שטאַרק צופרידן, גייט צו צום טיש מיט עסנוואַרג) ע... ביז דער חתונה־וועטשערע איז נאָך אַ שטיק צייט... מ'עט עפּעס פאַרזוכן דערווייל... (וואַרפט זיך אויפן עסן, שטאָפּט אין ביידע באַקן, וואָרטשעט פון פאַרגעניגן).

**מרדכי:**

(קומט אַריין) אדוני מלך, אין אַ מזלדיקע שעה — די מחו־תנים און געסט זיינען דאָ...

**אחשורוש:**

(מיט אַ פולן מויל) קום אהער, מרדכי, וועסט מאַכן אַ כוסה...

**מרדכי:**

אויב אַ כוסה און טאָקע אַ גרויסע — איז מהיכא־תיתי... (גיסט אָן) לחיים, אדוני מלך. גאָט זאָל געבן, דו זאָלסט זיך עלטערן מיט דער מלכה אין עושר און אין כבוד און כל ישראל זאָל האָבן נחת פון אייך...

**אחשורוש:**

לחיים, לחיים... (טרינקען).

**המן:**

(קומט אַריין, זעט אחשורושן ביי דער אכילה) אדוני מלך, זאָל דיר ווויל באַקומען... (פירט אָפּ מרדכין אין אַ זייט) נו, וואָס, האָסט איבערגעגעבן אסתרן?...

**מרדכי:**

דאָס הייסט... איך האָב זי נאָך ניט געזען...

**המן:**

אַ ליגן!...

**מרדכי:**

נאָך דער חופה אפשר...

**המן:**

זאָגסט אַ ליגן!... האָסט זי געזען!.. האָסט גערעדט מיט איר!... ס'וועט דיר טייער קאָסטן, הערסט?!... און ניט בלויז דיר — איך וועל אייך שוין ווייזן אַלעמען!... און איצט — תכף זיך בוקן, פאַרפלוכטער יהודי!...

**מרדכי:**

המן, הער מיך אויס...

**המן:**

(ווילד) בוקן זיך!!...

**מרדכי:**

מרדכי הצדיק — פאַר המן הרשע?...

**המן:**

געדענק!

**מרדכי:**

אויף מיינע שונאים א הייסע קרענק! (המן ברומט).

**אחשורוש:**

ע... וואס איז דארט, וואס?...

**מרדכי:**

אדרבה, זאל דיר המן פארטרויען, פארוואס ער טוט אזוי הארצרייסנד וויען... (גייט ארויס)

**המן:**

אדוני מלך, טו פארנעמען מיינע רייד...

**אחשורוש:**

המן, מיר ציט אין הארצן...

**המן:**

און מיר, אדוני מלך, מיר ברענט אין הארצן!... א העלישער פלאקער!... א פלאם־פייער!... ניין, און ניין, און נאך א מאל ניין!... געוואלד!.. (טוט א זעץ מיטן פויסט אין טיש; פון הינטערגרונט רוקט זיך פלוצלונג ארויס דער קאפ פון ממוכן, וואס גיט א געשריי: אוי) געוואלד!... (פון רעכטס באווייזט זיך דער קאפ פון מזומן, וואס שרייט אויס: אוי) געוואלד! (פון לינקס באווייזט זיך דער קאפ פון כפרתי, וואס גיט א געשריי: אוי; המן האלט אין איין שרייען היסטעריש) געוואלד!... געוואלד!... געוואלד!...

**בעלי־יועצים:**

(לאזן זיך ארויס פון אלע דריי זייטן) געוואלד!... געוואלד!... געוואלד!...

**המן:**

כ'וועל זיי אויסראטן!... פארטיליקן!... א סוף זאל דאס נעמען!...

**בעלי־יועצים:**

ווער?!... ווער?!...

**המן:**

אדוני מלך, עס שטייט געשריבן אין דער מגילה: פאראן איין פאלק, צעזייט און צעשפרייט צווישן די פעלקער אין אלע מדינות פון דיין קיניגרייך, און זייערע געזעצן זיינען

אנדערע, ווי ביי איטלעכן פאָלק, און די געזעצן פון מלך טוען זיי ניט...

**אחשורוש:**

ע... טוען זיי ניט?...

**המן:**

ניין. אונדזערע מאכלים עסן זיי ניט.

**אחשורוש:**

ע... עסן זיי ניט?...

**המן:**

ניין, אדוני מלך.

**אחשורוש:**

ע... איז וואָס זשע עסן זיי יאָ?... (פויזע, פלוצלונג הערט זיך שטיל)

**ממוכן, מזומן כפרתי:**

זונטיק בולבעס
מאָנטיק בולבעס
דינסטיק און מיטוואָך בולבעס
דאָנערשטיק און פרייטיק בולבעס...

**המן:**

דעם זעקסטן טאָג אין וואָך, בעת מיר האָרעווען אין שוויים און אין בלוט אויף חיונה, טוען זיי, אויף צו להכעים, רוען ווי די פריצים...

**ממוכן, מזומן כפרתי:**

שבת אין א נאָווינע — א קוגעלע פון בולבעס...

**המן:**

און דעם זיבעטן טאָג, בעת מיר גייען גאָטספאָרכטיק אין קלויסטער, קלאָפן זיי חוצפהדיק מיט שער און אייזן...

**ממוכן, מזומן כפרתי:**

און זונטיק ווייטער בולבעס...

**המן:**

דאָס דאָזיקע פאָלק, אדוני מלך — דאָס זיינען די יידן! איז, פרעג איך דיר — וואָס לוינט דיר זיי צו לאָזן לעבן?...

זיי זיינען אַן אומגליק פאַר אַלע פעלקער און אַ צרה פאַר זיי גופא. אויב דו ווילסט פאַרדינען אַ שיינעם יישר־כח פון דער וועלט, זאָל געשריבן ווערן זיי אומצוברענגען אַלעמען, פּאַרטיקולער אַלע יידן, פון קליין ביז גרויס. זייערע פאַר־מעגנס וועלן מיר צוריבן — זיי זיינען רייך ווי קורח. צען טויזנט צענטנער זילבער וועג איך דיר גלייך אָפּ אויף די הענט, ווי אַן אדערויף. און אויב דו ווילסט — איז מיט אַ שמיצל נאָך. נו, וואָס, אדוני מלך?...

**ממוכן, מזומן כפּרתי:**

(שטילערהייט) לאַ, לאַ, אדוני מלך!...

**אחשורוש:**

ע... כ׳וויים, אוודאי ביסטו גערעכט... אָבער ע...

**המן:**

אדוני מלך, איך האָב דיר נאָך קיינמאָל ניט געבעטן קיין טובה פאַר מיר גופא. איצט בעט איך דיר.

**אחשורוש:**

ע...דו בעטסט?...

**המן:**

איך בעט, פאָטער־קיניג. איך בעט און איך פ אָ ד ע ר !

**אחשורוש:**

ע... דו פאָדערסט?...

**המן:**

יאָ.

**אחשורוש:**

איז דאָך ניט שייך... נאַ נעם דעם זיגלרינג און שרייב און זיגל, וואָס דו ווילסט. קומט, מיינע טרייע בעלי־יועצים, איר וועט מיר העלפן זיך אָנטאָן צו דער חופה. (גייט אַרויס, די בעלי-יועצים — נאָך אים)

**המן:**

(אליין) ענדלעך דערלעבט אַ נקמה!.. ענדלעך פרייט זיך מיין האַרץ!... אייער סוף איז געקומען, פאַרפלוכטע יודן!... ניין, ניט צוליב פאַרדראָס טו איך עס. מרדכי דער הונט וועט זיין שטראָף באַזונדער באַקומען. און אסתר וועט במילא זיין

מיינע. ניין, ניט צוליב דעם! איך וויל אויסלייזן די וועלט פון דער יידישער פלאָג. איך וויל באַפרייען די וועלט פון דעם יידישן יאָך. איך וויל אויסשניידן די מכה מיט וועלכער די אָרימע מענטשהייט איז נעבעך געוואָרן באַשטראָפט. המן, אַזאַ גרויסער מאַן, ווי דו, איז נאָך ניט געווען זינט די זון דרייט זיך אַרום דער ערד! די וועלט וועט דיך אייביק געדענקען!

**העראָלד:**

(קומט אַריין) קאָלעגע שפּילער, האָסט שוין פאַרענדיקט דיין יידן־פרעסערישע פּראָזע?...

**המן:**

פאַרענדיקט, קאָלעגע העראָלד. קאָנסט שוין אַריינרופן די זשידאָווסקע חתונה, טפו!... (גייט אַרויס)

**העראָלד:**

(זינגט) אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע חתונה, חו מיין!...

(אַ יאָנטעוודיקער עולם קומט אַריין פון אַלע זייטן. מוזיק שפּילט חתונה־ניגונים. מען פירט אַריין אסתרן און מען זעצט זי אַוועק אויף אַ פּאַטער־שטול; די ווייבער רינגלען זי אַרום)

**העראָלד:**

(מיט אַ בדחנישן ניגון) אין אַ מזלדיקע שעה
זיינען מיר אַלע דאָ
פאַראַן זיינען מיר אַלע
דער חתן און די כלה
די מחתונים און די געסט —
איז טרינקט געזונט און עסט!...
און אַזוי ווי יידישע אַקטיאָרן מוזן שטענדיק טאָן שפּילן
חתונות און חופות, מיט האַרץ און געפילן
דרום, מיינע ליבע לייט
איז צו באַזעצן די כלה שוין צייט...
(גייט צו צו אסתרן)
אוי כלה־לעבן, כלה־לעבן, וויין זשע וויין!...
די וועלט איז געגליכן צו אַ טעפּעלע ברייַן
מעגסט אפילו זיין גוט, מעגסט אפילו זיין שיין
ס'וועט דיר נעבעך פאַרגיין אין נאָז און אין די ציין...

(די כלה און אַלע ווייבער ברעכן אויס אין אַ גרויס געוויין)

אוי כלה־לעבן, כלה־לעבן, ס'איז היינט דיין יום הדין!...
אַ מאַן איז געגליכן צו אַ בייזן שפּין
ביסטו געוועזן רויט, וועט ער דיך מאַכן גרין
ביסטו געוועזן גראָב, וועסטו שוין ווערן דין...

(יאָמערלעכער געוויין פון דער כלה און פון די ווייבער)

אוי כלה־לעבן, כלה־לעבן, גייסט צו דער חופּה אצינד!...
און פאַרגעבן ווערט דיר איצטער אַלע דיינע זינד
געדענק זשע בלייבן כשר, ווי אַן אומשולדיק קינד
אויב ניט, וועט נעבעך זיין צו דיר אַז ווי און ווינד...

(דער געיאָמער דערגרייכט זיין קולמינאַציע־פּונקט)

**שטימען:**

די כלה חלשט !... וואַסער !... האַרצטראָפּנס !... וואַסער !...
שאַ, זי קומט צו זיך...

**העראָלד:**

אצינדערט שטילער, ווייבער !... זאָל זיין אויס געוויין !
באַדעקן די כלה קומט דער חתן צוגיין...

**ממוכן, מזומן כפּרתי:**

(פירן אַריין אחשורושן)

**ממוכן:**

אַ ווי־וואַרע פאַרן חתן !... אַ ווי־וואַרע פאַרן חתן !...

**העראָלד:**

מיטן רעכטן פוס, אדוני מלך, און מיט דער רעכטער האַנט
דעקסט צו דאָס קעפּל ביי אַ טייערן בארליאַנט...

(אחשורוש באַדעקט אסתרן)

און איצט, לעבעדיק, כלזמרים, זאָל זיין שמחה וששון
אונטערפירערס, פירט צו דער חופּה דעם חתן...

(מען פירט אחשורושן צו דער חופּה)

**שטימען:**

זאָל זיין מיט מזל !... מיט מזל, חתן !...

**העראָלד:**

אונטערפירערס כלהס צד
פירט די כלה צום אריאת... (מען פירט אסתרן צו דער חופּה)

**שטימען:**

זאָל זיין מיט מזל!... מיט מזל כלה!...

**העראָלד:**

יעמוד קאַלעגע מרדכי ברב יאיר, ברב שמעי, ברב קיש הצדיק!...

**מרדכי:**

וואָס איז, קאַלעגע העראָלד?...

**העראָלד:**

זיי מסדר קדושין.

**מרדכי:**

מסדר קדושין אויך?

**העראָלד:**

אז די ערלים קענען נעבעך ניט קיין שייטל עברי!...

**מרדכי:**

באַשערט צו פאַרדינען נאָך א מצווה... (גייט צו צו חתן-כלה) ארוני מלך, זאָג מיר נאָך, וואָרט און וואָרט, און טאַקע הויך, אויפן קול....

**העראָלד:**

וואָרום אויב ניט, קאָן חלילה בטול ווערן די גאַנצע שפּיל אמאָל.

**מרדכי:**

זאָג: הרי...

**אחשורוש:**

הרי...

**העראָלד:**

געדענק, אדוני מלך, ס'זאָל שוין זיין בלי חרטה ובלי דרייי!

**מרדכי:**

זאָג: את...

**אחשורוש:**

את...

**העראָלד:**

אויף מיר שוין אזא יאָר, סאַראַ מויד דו נעמסט א כוואט!

**מרדכי:**

זאָג: מקודשת לי...

**אחשורוש:**

מקודשת לי...

**העראָלד:**

אין די הויזן, אם ירצה השם, וועט גיין טאַקע זי...

**מרדכי:**

זאָג: בטבעת זהב זו...

**אחשורוש:**

בטבעת זהב זו...

**העראָלד:**

און דער לעקיש, נעבעך, בלייבסט דו.

**מרדכי:**

זאָג: כדת...

**אחשורוש:**

כדת...

**העראָלד:**

ס'איז שוין פּאַטער-קיניג באַלד אוים שפּאַס.

**מרדכי:**

זאָג: משה וישראל...

**אחשורוש:**

משה... ר'וואס?...

**מרדכי:**

וישראל.

**אחשורוש:**

וישראל.

**העראָלד:**

און אם ירצה השם אין נײַן חדשים אַרום זאָל קומען דער מוהל.

**אלע:**

אמן!

**ממוכן:**

אדוני מלך, איך, ק־קענצלער פון פ־פרס ומדי, באַשטעטיק, אַז

אַלץ איז כּ־כּדת וכּדין. קאָנסט קרוינען דיין ווייב, מרת אסתר,
פּאַר מ־מלכּה פון פּ־פּרס ומדי...

**אחשורוש:**

(זינגט) מיין טייערער ענגל, געזונט זאָלסטו מיר זיין
מאַך מיט מיר אַ שנעפּסל פונם דאַזיקן וויין

**אַלע:**

טראַלאַ־לאַ־לאַ!... טראַלאַ־לאַ־לאַ!...

**אחשורוש:**

מיין טייערער אוצר, מיין הימלישעם דינג
נעם זשע אויף דיין פינגער מיין קיניגלעכן רינג

**אַלע:**

טראַלאַ־לאַ־לאַ!... טראַלאַ־לאַ־לאַ!...

**אחשורוש:**

מיין טייערער מלאך, איך האָב דיך שרעקלעך האָלט
נעם זשע אין דיין האַנט אַריין דעם צעפּטער פון גינגאָלד

**אַלע:**

טראַלאַ־לאַ־לאַ!... טראַלאַ־לאַ־לאַ!...

**אחשורוש:**

מיין טייערער צירונג, מיין שענסטער פּאַרשוין
לייג זשע אויפן קאָפּ אַרויף די קיניגלעכע קרוין

**אַלע:**

טראַלאַ־לאַ־לאַ!... טראַלאַ־לאַ־לאַ!...

**ממוכן:**

לאַנג לעבן זאָל אסתר המלכּה!...

**שטימען:**

— מזל טוב!... מזל טוב!...
— כּלזמרים, אַ מצווה־טענצל!...

**העראָלד:**

רייבט, כּלזמרים, לעבעדיק, פריילעך
לכּבוד דער מלכּה, לכּבוד דעם מלך!... (חתונה־טאַנץ).

**פאָרהאַנג.**

# דריטער אקט

**הערָאלד:**

(פארן פאָרהאַנג) ויהי... און ס'איז געווען... אין יענער נאַכט האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פון מלך און ער האָט געהייסן ברענגען דעם ספר הזכרונות פון די צייט־געשעענישן...

וועל איך אייך איצט, מיינע דאַמען און קאַוואַלירן
צו די צייט־געשעענישן טאָן פירן...
אריין, אריין, אריין,
טייערע צייט־געשעענישן דו מיין!...

(עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג. אַ זאַל אין קיניגלעכן פּאַלאַץ. ממוכן, מזומן און כפרתי רוקן פאָרזיכטיק אריין די קעפּ, פון אַלע דריי זייטן בינע, קוקן זיך אַרום און לויפן אריין, אויף די שפּיצן פינגער)

**מזומן:**

מען זאָגט...

**ממוכן:**

וו־וואס זאָגט מען?

**מזומן:**

אַז פון די זעקס הונדערט מלחמה־שיפן, וואָס זיינען אוועק־געשווומען צום לאַנד פון די יוונים, ליגן שוין פינף הונדערט נײַנציק אויפן גרונט פון ים...

**ממוכן כפרתי:**

איי, איי, איי!...

**כפרתי:**

מען זאגט...

**ממוכן:**

וו־וואס זאגט מען נאָך?...

**כפרתי:**

אַז פון די אַכט הונדערט טויזנט זעלנער, וואָס זיינען אוועק

קיין גריכנלאַנד, ליגן שוין זיבן הונדערט פּופּציק טויזנט אין דער אדמה...

**ממוכן, מזומן:**

אײ, אײ, אײ!...

**ממוכן:**

ש־שאַט, מען ז־זאָגט...

**מזומן, כּפּרתי:**

וואָס אַזוינס?...

**ממוכן:**

אַז די וו־ווייבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו ב־בונטעווען. אויב מען וו־וועט אונדז אַזוי אָפּגעווינען פון די מ־מאַנען, טענהן זיי, וו־וועלן מיר אײַנגאַנצן פון זיי זיך אַנטווינען און אויס ק־קינדלען...

**מזומן, כּפּרתי:**

אײ, אײ, אײ!...

**מזומן:**

דער שטערנזעער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז יעדנעראַל פּרסנאַ איז גרייט צו גיין קעגן בן־המדתא.

**כּפּרתי:**

פעלדמאַרשאַל מרסנא אויך. די גאַנצע אַרמיי האָט פּיינט דעם אגגי ווי אַ שפּין.

**ממוכן:**

איז פאַרוואָס זשע ש־שווייגן מיר?!... געוואַלד, וו־וואָס זשע ש־שווייגן מיר, פרעג איך אײַך?...

**מזומן, כּפּרתי:**

אדרבה, אפשר וועסטו טאַקע ריידן, האַ, ממוכן?...

**ממוכן:**

וו־ווי זאָל איך ר־ריידן, אַז איך דריי ק־קוים מיט דער צ־צונג?... ר־רייד דו, מ־מזומן!...

**מזומן:**

איך גאָר?!... איך בין שלאַף, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין מיר. בעסער דו, כּפּרתי...

כפרתי:

וואס עפעס איך?!... געהערט א מעשה!... רעדט אליין, אויב דאס לעבן איז אייך ניט ניחה... עס האט מיר אזש אנ־געהויבן בייסן אויפן האלדז, אט ריכטיק דארט, ווו מען פאר־לייגט די פעטליע...

מזומן:

איי, ווען מיר קריגן עמיצן, ווער ס'זאל ריידן!... עפעס א רעכטן ראש המדבר...

ממוכן:

ש־שאט, איך האב!...

ממוכן כפרתי:

ווער איז דאס?...

ממוכן:

ש־שוין איינמאל א ראש המדבר — דער ק־קיניגלעכער הויף־שרכן!...

מזומן:

א טייערער איינפאל!...

כפרתי:

צי וועט ער אבער וועלן?...

ממוכן:

לאמיר אים פ־פרעגן. ער ז־זיצט ביים טויער. ר־רוף אים אריין, כפרתי. (כפרתי גייט ארויס)

מזומן:

איי וואס — א יהודי?...

ממוכן:

ג־גראד א מעלה. (ס'קומען אריין מרדכי און כפרתי)

מרדכי:

ווינטשן גוט מארגן — איז נאך פינצטער. גוטן אוונט — הויבט שוין באלד אן צו טאגן. איז וואס, רבותי, זאל איך זאגן?...

ממוכן:

ש־שלום עליכם, א ייד.

מרדכי:

עליכם שלום, מיינע הארן.

ממוכן:

ווי גייען די ב־ביזנעס ?...

מרדכי:

א דאנק פארן פרעגן. צו גוט איז דאך כידוע ניטא קיין ברעג — נאר בעסער וואלט גרייליך ניט געשאדט.

ממוכן:

האבן מיר טאקע דיך גערופן, מרדכי הצדיק, דו זאלסט ר־ריידן...

מרדכי:

וועמען ?... דיר, אדוני ממוכן ?...

מזומן:

וואס עפעס גראד פאר אים אליין ? !...

מרדכי:

מהיכא תיתי — זאל איך ריידן אייך ביידן ?...

כפרתי:

פאר אונדז אלעמען !

מרדכי:

נו שוין, איז וואס זשע לאנג צו ברייען ?... איך וועל אייך ריידן אלעמען דרייען !... מיט וועמען ?...

מזומן:

מיט גאנץ פרס ומדי !

מרדכי:

קיין עין הרע — כוואטן !... קיין בייז אויג זאל אייך ניט שאטן. צו ווע‏מען זאל איך גיין צום ערשטן ?...

ממוכן:

צום ק־קיניג אחשורוש.

מרדכי:

צום קיניג אחשורוש — וועגן א שידוך פאר אייך ?...

ממוכן, מזומן כפרתי:

א שידוך ?.... טפו !...

**מזומן:**

לאָז שוין מיך, ממוכן!... אַט מרדכי, ביסטו למשל געוואָר: קיניגלעכער הויף־שדכן...

**מרדכי:**

נו?...

**מזומן:**

פרעג איך דיר: וואָס קומט דיר דערפון ארויס, אַז קיין חיונה האָסטו פּאָרט ניט?

**מרדכי:**

איז טאַקע שלימזלדיק.

**מזומן:**

און פאַרוואָס, זיי מוחל?...

**מרדכי:**

ס'איז נעבעך דאָ דערין אַ שכל.

**מזומן:**

דהיינו?...

**מרדכי:**

האָב צו המנען אַ טענה.

**כפּרתי:**

רייד, רייד, מרדכי!...

**ממוכן, מזומן:**

האָב ניט קיין מורא!...

**מרדכי:**

איי, רבותי, אַן אַקס האָט אַ לאַנגן צונג און קאָן נעבעך קיין שופר ניט בלאָזן. וואָס טוט אַ שדכן אויף גאָטס וועלטל, רבינו ורבותי?... אַ שדכן איז די רעכטע האַנט פון רבונו של עולם — ער העלפט מזווג זיין זווגים. אַ שדכן איז ווי אַ גוטער מלאך: ער ברענגט תנאים און חתונות, בריתן און שלום־זכרם, מזל־טובס און שבעה ברכות... איי, איי, איי, רבותי, איז אָבער דאָ, בעוונותינו הרבים, אַ המן הרשע אויף דער וועלט, איז אָנשטאָט בריתן האָבן מיר הרוגים,

אַנשטאָט חתונות — לוויות, אַנשטאָט שלום — מלחמה און
אַנשטאָט ששון ושמחה — יאָמער און קלאַג...

**ממוכן, מזומן כפרתי:**

גילדערנע ווערטער! טייערע רייד!...

**מרדכי:**

ווי ווילט איר, רבינו ורבותי, אַז מענטשן זאָלן זיך פרייען, ווען דער אגגי האָט דערטרונקען גאַנץ פּרס ומדי אין אַ ים פון טרויער?... ווי ווילט איר, יונגע בחורים זאָלן זיך לאָזן פירן צו דער חופה, אַז המן בן המדתא טרייבט זיי צו דער שחיטה?...

**ממוכן, מזומן כפרתי:**

בריליאַנטענע ווערטער!... גילדערנע רייד!...

**מזומן:**

אַטאָ דאָס ווילן מיר טאַקע, דו זאָלסט ריידן...

**מרדכי:**

היינט פאַרשטייט איר שוין, רבותי, פאַרוואָס מרדכי בן יאיר ליגט אין דער אדמה, ווען המן הרשע זיצט אויפן פערדל?...

**מזומן:**

מיר וועלן דיר אויסזאָגן אַ סוד, מרדכי: גאַנץ פּרס ומדי איז המנען אַ שונא; דאָס פאָלק, פונקט ווי די חיילות.

**ממוכן:**

מער ניט, מען ש־שווייגט...

**כפרתי:**

דאָס פאָלק איז ווי אַ קינד — מען דאַרף עס לערנען ריידן.

**מזומן:**

זאָל נאָר עמיץ זאָגן דאָס ערשטע וואָרט, וועלן שוין אַלע נאָכשרייען.

**מרדכי:**

אַהאַ, איצט פאַרשטיי איך שוין, רבותי... איר ווילט, הייסט עס, איך זאָל זיין דער בעל־מדבר?...

**מזומן:**

יאָ, דו מרדכי הצדיק!...

ממוכן:

דו ב־ביסט דאָך אַ ייד אַ ה־חכם!...

כפּרתי:

מיר זיינען דאָך נעבעך גויעשע קעפּ!...

מרדכי:

קעגן המנען?...

ממוכן, מזומן כפּרתי:

וואָס הייסט?... פּאַר פּרס ומדי!...

מרדכי:

ניין, רבותי. מה אני?... ווער בין איך און וואָס בין איך?... הקטן מרדכי בן יאיר, אַן אָרימער ייד — און אַ פּראָווינ־צער דערצו. ווילט איר, איך זאָל גיין מיך פאַרנעמען אויף פּרינץ המנען? איך זאָל גיין מלחמה האַלטן מיט זיינע פּיילנ־טרעגער און זיינע קלוגע לייט?... משטיינס געזאָגט, וואָס זעט איר אַזוינס אויף מיר, רבותי?... וואָלט מיך כאָטש דער אויבערשטער געבענטשט מיט צוויי קעפּ אויף די פּליי־צעס, איז מילא — וואָלט איך איינעם ריזיקירט. אָבער גיין און בידים אונטערלייגן, מיר ניט, דיר ניט, מיין איין און איינציקן קאָפּ אונטער דער האַק פון תליון?!.. ניין, אַן עבירה, גאָט אַליין וואָלט ניט געהייסן. מוחל דעם כבוד, רבותי, ניין!...

מזומן:

סטייטש מרדכי?... טאָ ווער זשע וועט זיין דער ראש המדבר?!...

מרדכי:

פּרס ומדי איז געגוג גרויס. איר'ט געפינען אַ בעלן.

בעל־קורא:

(קומט אַריין) פּרינץ המן האָט באַפוילן...

ממוכן:

טו דיין ז־זאַך, בעל קורא...

בעל־קורא:

(גייט צו צו דער ראַמפּע, פויקט) אַלערהעכסטער באַפעל פון קיניג אחשורוש, ירום הודו, מלך פון פּרס ומדי!... (פויק)

קול קורא!... (פויק) היות ווי די פארפלוכטע יידן ווידער־שפעניקן אין די געזעצן פון מלכות, ווילן אומברענגען דעם שטאם פון די אריאס און פארניכטן אונדזער ליבע מדינה, בכן מוען מיר באפוילן, אז אין איין טאג, דעם דרייצנטן טאג פון חודש אדר, זאלן אומגעבראכט ווערן אלע יידן — יונג און אלט, מאנסבילן, ווייבער און קליינע קינדער, און זייער פארמעגן זאל ווערן צוגערויבט. קול קורא!... (פויק) א גוטע נאכט, הארן קיניגלעכע בעלי־יועצים... א גוטע נאכט, האר קיניגלעכער הויף־שדכן... (גייט ארויס).

**מרדכי:**

וויי, וויי געשריגן!... מיינע אומגליקלעכע ברידער, מיינע אומגליקלעכע שוועסטער!... (ברעכט זיך די הענט פון צער) גיט מיר אש צו שיטן אויף מיין קאפ, א זאק ארומצובינדן מיינע לענדן!... (שפרייזט ארום פארצווייפלט).

**מזומן:**

נו, וואס וועסטו איצט זאגן, מרדכי?...

**מרדכי:**

תמות נפשי עם פלשתים, זאג איך!... זאל זיין, וואס ס'איז באשערט! איך בין גרייט צו טאן אייער ווילן, רבותי.

**ממוכן, מזומן, כפרתי:**

געלויבט איז דער אויבערשטער!...

**ממוכן:**

און אזוי ווי דו וועסט איצט ראש פון דער קיניגלעכער אפאזיציע...

**מזומן:**

וועסטו ארויף אויפן בענקל פון שני למלך...

**כפרתי:**

ווען די אפאזיציע וועט קומען צו דער מאכט.

**ממוכן:**

איי, וו־ווי דערלעבט מען שוין דעם ט־טאג!...

**מזומן:**

ווי דערלעבט מען שוין די שעה!

**כפרתי:**

ווי דערלעבט מען שוין די רגע!...

**ממוכן, מזומן כפרתי:**

אז דו זאלסט ווערן שני למלך!...

**ממוכן:**

איי, איי, איי, ווען ג־גאט וואלט נאר ג־געוואלט העלפן!..

**מרדכי:**

ער וועט העלפן, רבותי. ער מוז העלפן. וואס דען?... ער וועט לאזן אומברענגען זיין אויסדערוויילט פאלק?... נשקשה, איך פארלאז מיך אויף השם יתברך'ס הילף, ווי אויף אן אייזערנעם בריק. און איר, רבותי, פארלאזט זיך אויף מיר. איצט רופט אריין אהער די מלכה.

**ממוכן:**

ניט צ־צופיל איינגעשטעלט?...

**מרדכי:**

זארגט ניט, איך האב א פלאן. גיי, כפרתי. (כפרתי גייט ארויס) לאזט מיך מיט דער מלכה אליין, מיינע הארן.

(ממוכן און מזומן גייען ארויס, אסתר קומט אריין)

**אסתר:**

וואס איז געשען, אנקל מרדכי?... פארוואס מיך אויפוועקן אינמיטן דער נאכט?...

**מרדכי:**

אסתר, אונדזער פאלק געפינט זיך אין א גרויס געפאר.

**אסתר:**

אין א גרויס געפאר?...

**מרדכי:**

פאר צענטנער זילבער האט אחשורוש אונדז פארקויפט צו דעם אגגי. און איצט איז באפוילן געווארן אומצו־ברענגען, אין דריי טעג ארום, אלע יידן פון פרס ומדי. להרוג ולאבד, אסתר — אויסמארדן און פארטיליקן... יונג און אלט, קליין און גרויס, מאן און פרוי — אלעמען, אלע־מען!...

**אסתר:**

וואָס דאַרף איך טאָן, אָנקל מרדכי?...

**מרדכי:**

גיין צום קיניג. תכף ומיד.

**אסתר:**

(דערשראָקן) אָנקל!... (פּויזע) ווייסטו דען ניט, אַז גיין צום קיניג, ניט זייענדיק געלאַדן, איז גליך ווי גיין אויף טויט?...

**מרדכי:**

איך וויים, קינד מיינס, איך וויים... אָבער — אפשר וועט דער קיניג אויסשטרעקן צו דיר דעם גילדערנעם צעפּטער און דו וועסט לעבן בלייבן?... און אויב חלילה ניט... (פּויזע) אסתר, צי מיינסטו, אַז דו וועסט, די איינציקע פון אַלע יידן, אַנטרונען ווערן אין מלך׳ס הויז?..

**אסתר:**

איז גלייבער דען, איך זאָל גיין אַליין אויף אומקום, ווי א קרבן צום מזבח?... איך בין דאָך נאָך יונג!... איך וויל אַזוי שטאַרק נאָך לעבן!... לעבן — אפילו דאָ, ווי א פויגל אין א גילדערנער שטייג. אָ, איך האָב פאַרשפּילט מיינע יאָרן, אָנקל מרדכי!...

**מרדכי:**

און אפשר, אסתר, ביסטו צוליב א טאָג, ווי היינט, געוואָרן מלכה?... אפשר איז באַשערט, אַז דורך דיר זאָל ניצול ווערן אונדזער פאָלק?.... וועסטו שווייגן אין דער שעה פון סכנה?!... וועסטו מורא האָבן פאַר דיין נפש?!...

**אסתר:**

(שטיל) גיי, זאַמל איין אַלע יידן פון שושן, היים זיי פאַסטן און תפילה טאָן — אסתרס טעג זאָלן ניט ווערן יונג פאַרשניטן. גלייך נאָכן פרימאָרגן וועל איך גיין צום קיניג אחשורוש.

**מרדכי:**

דער, וואָס אין הימל, וועט פירן דיינע טריט. זאָג דערוויילע גאָרניט דעם מלך. באַרבעט אים בלויז, מיט זיינע מיניסטאָרן, אויף א ווייןֿמאָלצייט צו דיר, נאָך זוןֿאונטער־

גאַנג. המנען לאָז וויסן, אַז ער זאָל קומען פריער, ערב שקיעה. טו, ווי איך הייס.

**אסתר:**

ס׳וועט זיין ווי דו פאַרלאַנגסט, אַנקל מרדכי. (וויל אַרויס־גיין).

**מרדכי:**

(האַלט זי צו) אסתר, זאָל דיין האַרץ אַזוי ניט פּלאַטערן!... המן וועט פאַרגיין. דאָס בייז וועט פאַרשווינדן, ווי אַ שלעכ־טער חלום. ס׳וועט ווערן ווידער ליכטיק אויף דער וועלט. און יידישע קינדער וועלן ווידער הילכיק לאַכן — אין ירו־שלים, אין בבל, אין שושן און אומעטום אויף גאָר דער ערד. יידישע מאַמעס און יידישע טעכטער וועלן זיך בענטשן מיט דיין כשרן נאָמען. און אַמאָל, אַמאָל, אין דורות, דורות ווייט, ווען ס׳וועט שוין לאַנג ווערן אָפּגעמעקט דער זכר פון די המנס, וואָס האָבן געגאַרט אונדזער אונטערגאַנג, וועלן נאָך אַלץ יידישע מחברים פאַרפאַסן די שפּיל וועגן המנס מפּלה, און יידישע אַקטיאָרן וועלן נאָך אַלץ שפּילן די וווּנ־דערבאַרע מעשה וועגן אסתר המלכה, וועגן מרדכי הצדיק, וועגן...

**העראָלד:**

(לויפט אַריין) וואָס איז מיט דיר, מרדכי?!... וואָס איז געשען?

**מרדכי:**

(ווי אויפכאַפּנדיק זיך) האַ?...

**העראָלד:**

האָסט צעלאָזן דיין דמיון און דערווייליע פאַרהאַלטן דאָס שפּילן. די קאַלעגן וואַרטן. דער מלך האָט זיך אויפגעכאַפּט.

**מרדכי:**

אַזוי?... האָב ניט קיין פאַריבל, קאָלעגע העראָלד. (לויפט שנעל אַרויס, צוזאַמען מיט אסתרן).

**אחשורוש:**

(פון הינטער דער בינע) ממוכן!... ממוכן!...

**העראָלד:**

ממוכן, דער קיניג רופט... (גייט אַרויס)

**ממוכן:**

(לויפט אַריין) דער קיניג!... דער קיניג!... (נאָך אים לויפן דורך מזומן און כפרתי, פאַרשווינדן אַ ווײַלע אין דער קעגנאַי־בערדיקער זייט און קומען גלייך צוריק, פירנדיק אחשורושן)

**אחשורוש:**

אַ היץ דאָרט אין אַלקער — ניט אויסצוהאַלטן... ע... ממוכן, אַ שנאַפּס!... (טרינקט) די אויגן קלעפּן זיך מיר און דער שלאָף קומט ניט. (גענעצט) איך קאָן ניט אַנשלאָפן ווערן... (גענעצט)

**ממוכן:**

אדוני מלך, אפשר גאָר דיר עפּעס לייענען פון ספר הזכרו־נות...

**אחשורוש:**

ע...?... פון ספר הזכרונות?... זאָל זיין פון ספר הזכרונות... אפשר וועל איך קאָנען כאַפּן אַ דרימל...

**ממוכן:**

שוועלהיטער, דעם ספר הזכרונות!.. (דער שוועלהיטער ברענגט אַריין דעם ספר הזכרונות) לייען מזומן...

**מזומן:**

(רייניקט זיך פריער אוים דעם האַלדז, לייענט) שבת, פּרשה ויקרא, ווען דער גבאי רב קנשר איז געקומען פון שול מיט אַ ברייטן גוט־שבת, האָט ער געטראָפן זיין אשת־חיל רבקהלע אויפן שוים פון אַ פרעמדן מאַנספּערשוין. אַנשטאָט זיך אָפּצוטראָגן, ווי אַן אָרנטלעכער מענטש, האָט דיזער שאלק־האפטער מאַן זיך געטאָן אַ שטעל אויף די רגלים און אָפּ־געשטעקט קנשרן צוויי פייערדיקע פעטש. אום ניט צו פאַר שטערן דעם שבת קודש, האָט רב קנשר שטיל אַ גלעט גע־טאָן די באָרד און געלאָסן זיך אָפּגערופן: סטייטש, רבקהלע, ווי קומט אַ פּאַטש צו גוט־שבת?... פון דאַן איז אוועק אין פּרס ומדי דאָס ווערטל: „ווי קומט אַ פּאַטש צו גוט־שבת“...

**אחשורוש:**

(גענעצט) ע... ווײַס איך וואָס... לייען עפּעס אַנדערש...

ממוכן:

(מאַכט ציכנס צו מזומנען) אי אָ, מזומן, אי אָ!...

מזומן:

אַ, וואָס?...

ממוכן:

אי אָ, צדיק, צדיק!...

מזומן:

(פאַרשטייט ניט, קוועטשט מיט די באַרקעס, לייענט ווייטער) אין כּרך שניפּיבאַן האָט דער רופא פּיפּתא געלאָזט אויסרופן דורך אַ קול־קורא, אַז ער האָט דערפונדן אַ מיטל צו מאַכן קינדער אָן ווייבער, דורך בלוויזער מעדיצין. זיינען אַלע ווייבער פון שניפּיבאַן געוואָרן מלא רציחה אויפן רופא און האָבן אים פאַרקלאָגט ווי אַ מכשף און פּיפּתא האָט נעבעך אויסגעהויכט זיין כּשרע נשמה אויפן שייטערהויפן... (אַלע לאַכן)

אחשורוש:

רעכט אויף אים!... הויב זיך ניט אָן מיט ווייבער!...

מזומן:

נאָך, אדוני מלך?...

ממוכן:

ור־וואָס דען?... ג־געוויס!... (ווינקט צו אים) צדיק, צדיק — פויערשער קאָפּ!...

ממוכן:

(פאַרשטייט ניט, לייענט) אַ מעשה האָט זיך געטראָפן אין היאָן...

ממוכן כּפּרתי:

(לויפן צו צו אים, רייסן אַרויס דעם ספר און הויבן אָן גיך צו בלעטערן) האָט זיך געטראָפן... (ממוכן געפינט, גיט כפרתין לייענען).

כּפּרתי:

אין שושן הבירה... בימי אחשורוש, אין די טעג פון קיניג אחשורוש, ירום הודו, האָבן צוויי קיניגלעכע קאַמערדינער, בגתנא און תרש, געוואָלט אויסשטרעקן אַ האַנט אויפן מלך

און אים טאָן פאַרסמען. איז די זאַך דערוווסט געוואָרן צום ייִדל מרדכי בן יאיר, האָט ער גלייך אַ ווונק געטאָן ווו עס באַדאַרף צו זיין און אַנגעזאָגט אין די הויכע פענצטער. איז די זאַך געוואָרן נאָכגעזוכט און אויסגעפונען פאַר ריכטיק. די צוויי בוגדים האָט מען אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים און דער מלך אחשורוש איז ניצול געוואָרן...

**אחשורוש:**

אוי, ס'איז מיר שלאַף!... (חלשט)

**ממוכן:**

אדוני מלך!...

**מזומן:**

פאָטער־קיניג!...

**כפרתי:**

גיסט אים אריין אַ ביסל שפּיריטעס!... (מינטערן אחשורושן)

**אחשורוש:**

(עפנט די אויגן) שוין פאַרביי... ע... שוין בעסער... ממוכן!...

**ממוכן:**

וו־וואָס, אדוני מלך?...

**אחשורוש:**

אַ שנאַפּס! (טרינקט) זיינען זיי מאַקע אויף אַן אמת אויפ־געהאָנגען געוואָרן?...

**ממוכן:**

ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן...

**כפרתי:**

מרדכי הצדיק האָט דיך מציל געווען פון אַ זיכערן טויט.

**אחשורוש:**

ע... וואָס פאַר אַ שכר האָט מרדכי דערפאַר באַקומען?...

**ממוכן:**

ג־גאָרניט, אדוני מלך

**מזומן:**

אפילו ניט קיין שטיקל כבוד

**כפרתי:**

המן האָט ניט געלאָזן.

**אחשורוש:**

ע...אַן עוולה!... כבוד דאַרף ער קריגן!...

**שוועלהיטער:**

(קומט אַריין) אדוני מלך, פּרינץ המן וויל דיך זען.

**אחשורוש:**

זאָל ער אַריינקומען (שוועלהיטער אַרויס)

**ממוכן:**

אדוני מלך, אויב דיר איז ווילגעפעלן, זאָל המן אַליין זאָגן, וואָס פאַר אַ שכר עס קומט מרדכין. איך וועל אים פרעגן.

**אחשורוש:**

ע... פרעג, ממוכן...

**המן:**

(קומט אַריין) זיי געגריסט, פאָטער־קיניג!...

**אחשורוש:**

זיי געגריסט, בן המדתא!...

**המן:**

איך האָב צו דיר אַ בקשה, אדוני מלך. איך האָב באַפוילן צו פאַרטיליקן אין דריי טעג אַרום אַלע יידן פון פּרס ומדי. אָבער עס געפינט זיך אין שושן אַ ייד אַ מורד, וואָס וויל זיך ניט בוקן צו מיר און וואָס מוז גלייך אויפגעהאָנגען ווערן. עס איז שוין אפילו גרייט פאַר אים די תליה.

**ממוכן:**

ל־לאָז דיין בקשה אויף אַ ווײַלע שפּעטער, פּרינץ המן. דער קיניג וויל מיט דיר ז־זיך אַן עצה האַלטן. דו ב־ביסט דאָך שני למלך...

**מזומן:**

דער קליגסטער פון אַלע האַרן פון פּרס ומדי...

**כפרתי:**

האָסט דאָך מער עשירות און מער כבוד, ווי אַלע...

**ממוכן:**

איז ז־זאָג זשע, המן, וו־וואָס דאַרף מען טאָן מיט אַ מ־מאַן, וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כבוד?...

**המן:**

וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כבוד?... (בלאָזט זיך גדלות־דיק צופרידן)

**אחשורוש:**

ע.. יאָ, המן... זאָג!...

**המן:**

אָנטאָן נ אָ ך כבוד?...

**ממוכן:**

אָנטאָן כ־כבוד.

**המן:**

אַ מאַן, וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כבוד — זאָל מען ברענגען אַ מלכותדיק קלייד, וואָס דער מלך האָט זיך דערין געקליידט, און אַ פערד, וואָס דער מלך האָט אויף אים גע־ריטן, און מען זאָל געבן דאָס קלייד און דעם פערד אויף די הענט פון איינעם פון די האַרן פון מלך, פון די אדל־לייט, און מען זאָל אָנקליידן דעם מאַן, וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כבוד, און מען זאָל אים מאַכן רייטן אויפן פערד דורך דער ברייטסטער גאַס פון שטאָט און אויסרופן פאַר אים: אַזוי ווערט געטאָן צו דעם מאַן, וואָס דער מלך וויל אים אָנטאָן כבוד!...

**ממוכן:**

אויב אַזוי, פּ־פּרינץ המן, זיי מוחל און נעם דאָס ק־קלייד און דעם פערד, אַזוי ווי דו האָסט געהייסן, און טו אַזוי צו מ־מרדכי הצדיק... ווו־וויל אים וויל דאָס דער פאָטער־קיניג אָנטאָן כ־כבוד...

**אחשורוש:**

ע...יאָ, יאָ...

**המן:**

אדוני מלך — וואָס הייסט?!... איך?!... מרדכי דעם יידל?!... איך — פּרינץ המן?!...

**אחשורוש:**

ע... אזוי איז מיין פארלאנג...

**מזומן:**

רופט אריין מרדכין!

**המן:**

אבער, אדוני מלך, זאג אליין!... טו א טראכט, אויב מעגלעך!... וואס פאר א פנים וועט עס האבן?... דער שני למלך פון פרס ומדי און — מארדקע דער לאנד-שדכן?!...

**ממוכן, מזומן כפרתי:**

טו דעם ווילן פון אלמעכטיקן אחשורוש!...

**אחשורוש:**

ע... יא... טו מיין מעכטיקן ווילן... (מרדכי קומט אריין)

**מזומן:**

מרדכי בן יאיר, פאר דעם, וואס דו האסט מציל געווען פון טויט אונדזער ליבן פאטער־קיניג, וועט דיך איצטער, פאר א שכר, פרינץ המן אנקליידן אין א קיניגלעכן קלייד און ארומפירן רייטנדיק אויפן קיניגלעכן פערד, איבער די הויפט־גאסן פון שושן הבירה...

**אחשורוש:**

יא, מרדכי...

**מרדכי:**

אדוני מלך, כ׳וואלט גריילעך באשטאנען דו זאלסט, פאר מיין טרחה, בעסער טאן טובות פאר יידן. נאר מילא, זאגסט כבוד, זאל זיין כבוד. איין גאט אין הימל ווייסט, אז מרדכי בן יאיר איז ניט קיין כבוד־זוכער, נאר ווידער א מאל — אז דיר איז ליב, איז מיר ניחה.

**ממוכן:**

המן, קד־קלייד אן מרדכין אין די בגדי מלכות!...

**מרדכי:**

אנו, המן, דערלאנג די שבתדיקע קאפאטע פון מלך אחשורוש...

**המן:**

(טוט אן מרדכין) פריי זיך ניט, מאטיע, ס׳איז שוין גרייט פאר דיר די תליה!...

**מרדכי**:

א סברה, אז דו גאָר וועסט קריגן די עליה...

**המן**:

דאָס שטריקל וועט דיך ניט מיידן, כ'בין דיר ערוב!...

**מרדכי**:

נו, נו — ניע קריטשי האָפּ, רב קרוב...

**אחשורוש**:

ברענגט אריין מיין קיניגלעכן פערד! (מען פירט אריין דעם פערד) המן, ע... העלף מרדכין זיך זעצן אויפן פערד...

(המן פירט צו מרדכין צום פערד, וויל אים אַרויפזעצן; דער פערד רייסט זיך אַרויס און לויפט צו צו אחשורושן)

**אחשורוש**:

וואָס איז, סוסי?...

**פערד**:

(שטעלט זיך אויף די קני פאַר אחשורושן און זינגט)
אדוני מלך, איך טו צו דיר זיך בוקן
ווער וועט היינט רייטן אויף מיין גילדערנעם רוקן?

**אחשורוש**:

פערדל, דו פערדל, סוסל דו מיין
מרדכי הצדיק וועט היינט דיין רייטער זיין

**פערד**:

אדוני מלך, איך טו ביי דיר זיך בעטן
ווער וועט, ווי א שמייסער, נעבן מיר צופוסנס טרעטן?

**אחשורוש**:

פערדל, דו פערדל, סוסל דו מיין
המן הרשע וועט היינט דיין שמייסער זיין

**פערד**:

אדוני מלך, איך קאָן דאָס מיר ניט גלויבן
פאַרוואָס איבערן אַריער דאָס יידל היינט דערהויבן?

**אחשורוש**:

סוסל דו סוסל, גענוג שוין צו פרעגן
ס'פּאַסט ניט פאַר א פערדל צו פאַרשטיין גאָטס וועגן

**אלע:**

ס'פאסט ניט פאר א פערדל צו פארשטיין גאטס וועגן

**אחשורוש:**

נעם ארויף מרדכין אויף דיין רוקן, סוס!...

**פערד:**

איך הער און געהארך, אדוני מלך... (מרדכי, המן און דער פערד גייען ארויס)

**אחשורוש:**

הערالד!...

**הערالד:**

(קומט אריין) וואס פארלאנגסטו, אלמעכטיקער אחשורוש?... ביז א האלבע מדינה וועט דיר געטאן ווערן!...

**אחשורוש:**

ע... רוף אריין די הויפט־גאס פון שושן הבירה. כ'בין אויך א בעלן צו זען די שפיל...

**הערالד:**

אטא שוין, מאיעסטעט!...

(זינגט) אריין, אריין, אריין, אריין
הויפט־גאס פון שושן, דו מיין!...

**כאר:**

טראלא־לא־לא!... טראלא־לא־לא!...

(ס'קומען אריין מענער און פרויען, שטעלן זיך אויס אין צוויי רייען. צווישן זיי באווייזט זיך המן, פירנדיק דעם פערד פארן צוים; מרדכי, אויפן פערד, באגריסט זיך האפערדיק מיטן עולם)

**המן:**

אט אזוי ווערט געטאן צו דעם מאן, וואס דער מלך וויל אים כבוד אנטאן!...
אט אזוי ווערט געטאן צו דעם מאן, וואס דער מלך וויל אים כבוד אנטאן!...

**שטימען:**

— קוק נאר אן דעם שטאל־יונג!...
— זע נאר דעם שמייסער!...

— העלדישער, המן, העלדישער!...
— האלט ניט אזוי דעם קאפ געבויגן!...

**המן:**

אט אזוי ווערט געטאן צו דעם מאן, וואס דער מלך וויל אים כבוד אנטאן!...
אט אזוי ווערט געטאן צו דעם מאן, וואס דער מלך וויל אים כבוד אנטאן!...

(מרדכי באגריסט זיך כסדר מיטן עולם; געשרייען, פייפערייען)

**אלע:**

(זינגען) מרדכי הצדיק רייט אויפן פערד
המן הרשע וועט גיין אין דר'ערד...
(מוזיק שפילט)

פ אָ ר ה א נ ג

# פערטער אקט

**הערֹאלד:**

(פאַרן פאָרהאַנג) ויהי... און ס'איז געווען... און ווי דער מלך האָט זיך אומגעקערט אין הויז פון דעם ווײַן־מאָלצײַט, ערשט המן ליגט אַנידערגעפאַלן אויף דעם לען-בעטל, וואָס אסתר איז דערויף. האָט דער מלך געזאָגט: נאָך באַצווינגען די מלכה בײַ מיר אין הויז?!... און ווי דאָס וואָרט איז אַרויס פון מלכ'ס מויל, אַזוי האָט מען צוגעדעקט המנס פנים. איז ווער איך אײַך איצט... (קוקט זיך איין פאַרוואונדערט, באַמערקט ווי פון לינקס קומען אָן אײן אָטעם, אָבער קוים שלעפנדיק די פיס, צוויי מלחמה-לייט) זעט נאָר, זעט — פעלדמאַרשאַל מרסנא, יעדנעראַל פרסנא!... וואַרט אַ ווײַלע, וווהין לויפט איר אַזוי, חשובע גבורים?...

**מרסנא:**

צום קיניג אחשורוש!...

**פרסנא:**

גלייך צום קיניג אחשורוש!...

**מרסנא:**

מיר גייען אים זאָגן...

**פרסנא:**

מיר גייען פאַר אים קלאָגן...

**ביידע:**

ווי ווי — אומגעקומען אונדזער העלדישע ארמיי!... (וויינען)

**הערֹאלד:**

סטייטש, נאָך אַזוי פיל נצחונות?!...

**מרסנא:**

(וויינענדיק) ס'איז געגאַנגען אַ שניי — ווײַ, ווײַ!...

**פרסנא:**

(וויינענדיק) ס'האָט גענומען אַ פראָסט—און ניט אָפּגעלאָזט!...

**מרסנא:**

ס'איז געווען אַ ווינטער־יעדנעראַל

**פרסנא:**

אז ס'זאָל פּלאַצן אים די גאַל!

**ביידע:**

ווײ ווײ, ניטאָ שוין אונדזער רומפּולע אַרמײ!... (רײסן זיך די האָר פון קאָפּ)

**הערצלד:**

זאָגט מיר, צווישן אונדז וועט עס בלײבן, אפשר שלעכט זיך געשלאָגן צולעצט?

**ביידע:**

(כאַפּן אַרויס די שווערדן) ביי גאָט!...

**מרסנא:**

די פעלדמאַרשאַלן!...

**פרסנא:**

די יעדנעראַלן!...

**ביידע:**

האָבן זיך געשלאָגן ווי די לײבן!...

**ממוכן, מזומן כפרתי:**

(רוקן פּלוצלונג אַרויס דעם קאָפּ פון הינטערן פאָרהאַנג און זינגען)

פעלדמאַרשאַלן, יעדנעראַלן
זיך דערשראָקן, אומגעפאַלן...
נעבעך גלײך ביים ערשטן שאָס
זיך צעקלאַפּט די נאָז... (די קעפּ פאַרשווינדן)

**הערצלד:**

נו, און די זעלנער?...

**מרסנא, פרסנא:**

אויסגעשאָכטן ווי די הענער...

**מרסנא:**

שולדיק אין אַלץ איז המן!

**פרסנא:**

אַלץ איז שולדיק דער אגגי!

**מרסנא:**

צו וואָס איז המן געקראָכן קײן גריכנלאַנד?!...

**פרסנא:**

אויף וואָס פאַר אַ כּפּרות דאַרפן מיר גריכנלאַנד ? !...

**מרסנא:**

די רעשטלעך פון אונדזערע רומפולע חיילות קערן זיך צוריק...

**פרסנא:**

בחרפּה, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ...

**ממוכן, מזומן כּפּרתי:**

(רוקן אַרויס די קעפּ, ווי פריער און זינגען)

פעלדמאַרשאַלן, יעדנעראַלן

זיך דערשראָקן, אומגעפאַלן...

שנעלער ווי אַ פייל פון בויגן

אָפּגעצויגן... (די קעפּ פאַרשווינדן)

**הערָאלד:**

זאָרגט ניט, חשובע גבורים. המן וועט איינגיכן האָבן אַ שוואַרצן סוף. עס שטייט שוין אפילו פאַר אים אָנגעגרייט אַ תּליה. און אָט דעם אַקט וועט אים מרדכי אָנידערלייגן, דעם פורכטבאַר גרויסן העלד.

**מרסנא, פרסנא:**

ווער איז דאָס מרדכי ?...

**הערָאלד:**

איר ווייסט ניט, ווער מרדכי הצדיק איז ?... גויעשע קעפּ, נעבעך, די מגילה ניט געלייענט. איר קאָנט זיך אויף אים פאַרלאָזן, נשקשה... גלייך, ווי די זון וועט פאַרגיין, זאָלט איר אַלע זעלנער אייערע פאַרזאַמלען פאַר דער מלכהם פּאַלאַץ. פריער אָבער נעמט צו דאָס גאַנצע געווער ביי המנס פיילנטרעגער. גייט בשלום, גבורים פון פרס ומדי. דאָס פובליקום ווערט אומגעדולדיק. איך דאַרף אויפהויבן דעם פאָרהאַנג.

(מרסנא און פרסנא גייען אַרויס)

איז וועל איך אייך איצט, מיינע דאַמען און קאַוואַלירן

צו המנס שוואַרצן סוף טאָן פירן

(זינגט) אַריין, אַריין, אַריין, אַריין

המנס שוואַרצער סוף, דו מיין !...

אַריין, אַריין, אַריין

המנס שוואַרצער סוף, דו מיין !...

(עס הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. אַ זאַל אין קיניגלעכן פּאַלאַץ.

(דער שטערנזעער קוקט אויפן הימל דורך זיינע מכשירים. המן שפאנט ארום, אומגעדולדיק)

**המן:**

זוך, שטערנזעער!... זוך אין אלע זיבן הימלען, אין אלע צוועלף מזלות, אין אלע הונדערט צוואנציק געצעלטן!... נו, וואס זעסטו?... (דער שטערנזעער ענטפערט ניט) פארוואס ענט־פערסטו ניט, שטערנזעער?...

**שטערנזעער:**

די שטערנס שוויגן, מיין האר.

**המן:**

זאג אפן, האב קיין מורא ניט — איז דאס ניט אמאל א סימן אויף טרויער און מפלות?...

**שטערנזעער:**

ס'קאן זיין, מיין האר. אבער גיכער איז דאס א סימן, אז ס'וועט גיין רעגן. דער הימל איז פארוואלקנט.

**המן:**

פארטרייב די וואלקן!...

**שטערנזעער:**

איך וועל פרווון, פרינץ המן. (אויף גיך) ווינטן קאלטע, ווינטן הייסע, ווינטן גוטע, ווינטן בייזע — צעזייט, צע־שפרייט, די כמארעס די בלויע, די כמארעס די גרויע, דעם וואלקן דעם שיטערן, די שווארצע געוויטערן, אויף וויסטע פעלדער, אויף וויסטע וועלדער, אויף שטיינער, אויף ביינער, טפו, טפו!... (שפייט. בלאזט)

**המן:**

נו?

**שטערנזעער:**

פארטריבן א וואלקן.

**המן:**

איז וואס זעסטו?...

**שטערנזעער:**

גארניט, מיין האר. ס'איז אנגעקומען א צווייטער.

המן:

לעבער אים דורך מיט דיין בליק! איך באפעל!

שטערנזעער:

איך געהאָרך, פרינץ המן. (קוקט אנגעשטרענגט, קרעכצט, ווישט דעם שווייס)

המן:

זעסט?...

שטערנזעער:

יא, מיין האר. איך זע דעם אָריאָן־שטערן. ער איז בלייך און פינקלט קוים.

המן:

אין וועלכן מזל ליגט ער?...

שטערנזעער:

אין מזל פון דער יונגפרוי.

המן:

וואס באטייט עס, שטערנזעער?...

שטערנזעער:

דו ווייסט דאָך, מיין האר. די יונגפרוי ברענגט תמיד הארצ־ווייטיק און צרות...

המן:

זוך נאָך, שטערנזעער, אום גאָטעס ווילן, זוך גוט! באקום א תשובה פון די הימלען! זעקס הונדערט שיפן זיינען אָפּ־געפארן צו די ברעגעס פון גריכנלאנד. אכט הונדערט טויזנט מלחמה־לייט האָבן, ווי א שטורעם, זיך א לאָז געטאָן אויפן לאנד פון די יונים. איז וואָס פלוצלונג געשען?!... פאר־וואָס קומט ניט מער קיין איין שליח?!... שטערנזעער, וואס זאגן די שטערנס?...

שטערנזעער:

דער הימל איז פינצטער, מיין האר.

המן:

(פול מיט פחד) פינצטער?!...

שטערנזעער:

שטאָק פינצטער.

המן:

איז אפשר וועסטו לייענען אין די שטריכן פון מיין האנט?...

**שטערנזעער:**

די אויגן זיינען מיר שוואך, מיין האר.

**המן:**

רייד! איך הייס!

**שטערנזעער:**

(קוקט אריין אין המנס האנט) עס דראט דיר א סכנה, פרינץ המן.

**המן:**

מצד וועמען?

**שטערנזעער:**

א פרוי... א יידישקע... און אפשר אן אריערין... אלץ פלאנ־טערט זיך...

**המן:**

וועל איך ניצול ווערן?...

**שטערנזעער:**

איך זע מער גארניט.

**המן:**

באמי זיך. קריגסט צען גילדערנע דוקאטן!

**שטערנזעער:**

אומזיסטע מי. אלץ איז שווארץ. פארציי, מיין האר. אלץ איז שווארץ, שווארץ... (גייט ארויס)

**המן:**

(אליין) דער הימל איז פינצטער... די שטריכן פון מיין האנט ווערן שווארץ... איך בין פארלוירן... דער שטערנזעער האט געזען מיין שווארצן סוף... (פויזע; פלוצלונג שטארק) ניין, המן בן המדתא געהערט ניט צו די, וואס גיבן זיך אונטער!... איך האב געזען שוין, וואס פאר א ממשות עס האבן נביאות פון שטערנזעער... גריכנלאנד וועט ווערן באזיגט! איך וועל קיין חיילות ניט זשאלעווען. פון די יידן בין איך שוין אויך באלד פטור! און די קיניגלעכע אפאזיציע — זי האט גע־וואלט מלחמה מיט מיר, וועט זי האבן מלחמה! איך האב ניט מורא. די מלכה איז מיט מיר. (רופט) העראלד!...

**העראלד:**

(קומט אריין) וואס פארלאנגסטו, קאלעגע המן?...

**המן:**

רוף, זיי מוחל, אריין אהער דער מלכהס פאלאץ. איך בין פארבעטן צום וויין-מאלצייט. וועסט איינגיכן הערן גוטע נייס וועגן המנען...

**העראָלד:**

אלעוואי, וואס גיכער!... שא, יא — א טובה פאר א טובה. באהאלט פאר מיר א שטיקל פון דעם שטריק, וואס מען וועט דיך אויף אים הענגען...

**המן:**

גלויבסט טאקע אין אזעלכע זאבאבאָנעס ?!...

**העראָלד:**

איך ווייס?... מען זאגט — ס'איז מזלדיק. אפגעמאכט?...

**המן:**

אָפגעמאכט. (גייט ארויס)

**העראָלד:**

(הויבט אָן זינגען) אריין, אריין...

**שטערנזעער:**

(רוקט אריין דעם קאָפּ) פּסט!... פסט, קאָלעגע הערָאלד!...

**העראָלד:**

וואס איז, קאָלעגע שטערנזעער?...

**שטערנזעער:**

(שטיל) טרעט מיר אָפּ א חלק שטריק. איך ברויך עס נויטיק צום פאך. וועגן מקח וועט מען דורכקומען...

**העראָלד:**

(שארף) ניין!

**שטערנזעער:**

פארוואס — ניין?...

**העראָלד:**

ווייל איך האב ניט ליב, אז דער לעמפערט און דער פיילן-טרעגער זיינען משרתים ביי המן הרשע.

**שטערנזעער:**

וואס רעדסטו, קאָלעגע הערָאלד?!... דו ווייסט גארניט?!... (שטילער) איך בין דאָך אריבער צו דער אָפּאָזיציע!... דאָס מזלע דרייט זיך, דרייט זיך שנעל... און ווער ס'איז ניט קיין

שוטה — דרייט זיך מיט. פרנסה, טייערער קאַלעגע, דאָס שטיקעלע פרנסה!... (לאַכט, פאַרשווינדט)

**העראָלד:**

(ציט מיט די אַקסלען, זינגט) אַריין, אַריין, אַריין, אַריין אסתרס פּאַלאַץ, דו מיין!...

**אסתר:**

(קומט אַריין אין איר פּאַלאַץ) ווי שטאַרק עס קלאַפּט מיין האַרץ!... צי וועל איך מצליח זיין און ראַטעווען דאָס לעבן פון מיינע ברידער?...

**דינסט:**

(אַריין) פּרינץ המן איז געקומען.

**אסתר:**

בעט אַריינגיין. (דינסט אַרויס; המן קומט גלייך אַריין)

**המן:**

מלכה אסתר!...

**אסתר:**

פּרינץ המן...

**המן:**

היינט איז דער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן!...

**אסתר:**

באמת?...

**המן:**

האסט באַוויליקט צו נעמען מיך פאַר דיין שקלאַף.

**אסתר:**

זאָגסט שקלאַף און טראַכסט — האַר...

**המן:**

איך האָב דיך ליב, מלכה אסתר!... זאָג: אויב איך וואָלט געדאַרפט דיין הילף, וואָלסטו זי מיר געגעבן?...

**אסתר:**

מיין הילף?... צו וואָס?...

**המן:**

מיינע שונאים האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין גאַנצן לאַנד. דער אָדלער האָט בלויז איין נאָגל זיך צעקלאַפּט — און שוין

פליט דער ראָב זיך קרוינען פאַרן מלך פון די פויגלען. איך וועל עס מער ניט דולדן! היינט ביינאַכט וועט אויסגע־וואַרצלט ווערן די קיניגלעכע אָפּאָזיציע און איבערמאָרגן וועט לסוף פאַרשווינדן דער שורש פון אַלדאָס בייז — די יידן. דער ערשטער וועט ווערן אויפגעהאַנגען מרדכי בן יאיר. נאָך היינט וועט ער הענגען.

**אסתר:**

ווערסט דאָס ניט טאָן!

**המן:**

און פאַרוואָס, אַשטייגער?...

**אסתר:**

ווייל איך בעט דיך, פּרינץ המן...

**המן:**

דו בעטסט מיך... קאָן איך אפשר וויסן, פאַרוואָס דו בעטסט אַזוי, מלכה אסתר?...

**אסתר:**

ווייל...

**המן:**

וואָס איז דיינער מרדכי?!...

**אסתר:**

ער איז... ער איז...

**המן:**

זאָג וואָס!...

**אסתר:**

מיין שדכן...

**המן:**

נו, נאָך אַ שדכן זיצט מען ניט קיין שבעה... (וויל זי אַרומ־נעמען)

**אסתר:**

ריר זיך ניט צו צו מיר!...

**המן:**

אַזוי גאָר?!... הער מיך אויס, מלכה אסתר. מיינע קלוגע

לייט האָבן מיר דערטראָגן, אַז מרדכי בן יאיר איז ביי דיר אַן אפטער גאַסט. מען רעדט אפילו, אַז ער איז דיין געליבטער.

**אסתר:**

ס'איז אַ ליגן! איך שווער דיר!

**המן:**

כ'וויל דיר גלויבן. אבער אויב דו זאָגסט אמת, בעט איך דיך, דו זאָלסט מער מרדכים נאָמען ניט דערמאַנען.

**אסתר:**

אויב דו זאָגסט מיר צו...

**המן:**

גענוג, אסתר! מרדכי וועט שטאַרבן און דיר גייט עס ניט אָן... ביסט מיינע, אסתר המלכה, מיינע און מער קיינעמס ניט!... (נעמט זי אַרום)

**אסתר:**

לאָז מיך!... (רייסט זיך פון אים)

**המן:**

(האַלט זי מיט געוואַלד) איך בין פרינץ המן, אסתר!... הערסט?!... פרינץ המן!... פאַר מיין ווילן בויגט מען זיך, ווי זאַנגען פאַרן ווינט. האָסט מיך גערופן היינט. איך בין געקומען אויף דיין רוף. וועסט מיינע זיין, פאַרשטייסט?... מיט פרינץ המנען שפּילט זיך קיינער ניט, אפילו ניט די מלכה פון פרס ומדי... (קושט זי)

**אסתר:**

(ווערט זיך, שרייט) ניין, ניין!... איך וויל ניט!...

**המן:**

דו ווילסט, ווייל איך וויל!... ווער זיך ניט, אסתר, ווער זיך ניט, זאָג איך!... ווער זיך ניט, דו מאַכסט מיך ווילד... אסתר!... אסתר!... (טוט זי אַ הויב אויף און אַ שליידער אויפן לעגער-בעט)

**אסתר:**

(שרייט) לאָז מיך!... אַוועק!... לאָז מיך!...

**מרדכי:**

(לויפט פלוצלונג אַריין; נאָך אים אחשורוש, און די בעלי-יועצים)

געוואַלד, געוואַלד!... המן וויל באַצווינגען די מלכה!... געוואַלד!... (המן וואַרפט זיך אויף איר)

**אחשורוש:**

(ווי אַ געליימטער) וואָס... ע... וואָס טוט זיך דאָ?...

**מרדכי:**

געוואַלד, געוואַלד!... המן וויל דערהרגענען מרדכי הצדיק!... דינער, שוועלהיטער!... (געפּעכט צווישן מרדכי און המנען)

**בעלי-יועצים:**

געוואַלד!... געוואַלד!... (דינער לויפן אַריין, כאַפּן המנען)

**מרדכי:**

בינדט אים די ידים מיט אַ פּעסטן צוקער־שנירל!...

**המן:**

וואַרט, וואַרט, מיינע פּיילנטרעגער וועלן נאָר אָנקומען...

**מרדכי:**

קאָנסט זיך אויסוואַרטן אויף דיינע פּיילנטרעגער. זיי האָבן זיך אַלע איבערגעגעבן דער אַרמיי, וואָס איז געקומען פון גריכנלאַנד.

**המן:**

וויי וויי, פאַרשפּילט די ליכטיקע שיין!...

**מרדכי:**

ווער עס גראָבט אַ גרוב פאַר יענעם, פאַלט אַליין אַריין...

**אחשורוש:**

(שטייט נעבן אסתרן, וואָס וויינט) מיין ענגל, מיין שאַץ!... וויין ניט, וויין ניט, איך וועל עס ניט אויסהאַלטן!... (כּלו-פּעט) ער האָט דיר שלעכטס געטאָן, דער רשע?...

**אסתר:**

אָ, פאָטער־קיניג...

**אחשורוש:**

דינער, פאַרדעקט המנס פּנים!... ס'איז שוין נאָך אים!... מרדכי הצדיק, איין מאָל האָסטו מיך שוין מציל געווען פון טויט. איצט... ע... ראַטעוועסט דו מיר אַ צווייטן מאָל דאָס לעבן... מער נאָך, ווי דאָס לעבן... בעלי־יועצים!...

**בעלי-יועצים:**

וואָס איז, אַלמעכטיקער אחשורוש?...

**אחשורוש:**

רופט אריין די הויפּלייט מיינע און די שוועלהיטער!... און זאָל מען משפּטן!... (עס קומען אריין הויפּלייט און שוועל-היטער) בעלי-יועצים, הויפּלייט און שוועלהיטער מיינע!... אייער אַלמעכטיקער קיניג אחשורוש ירום הודו איז ניצול געוואָרן פון א גרוים געפאַר. יע... איך וויל, איר זאָלט משפּטן לויט די דינים פון פּרס ומדי. האר קענצלער, פרעג די צוויי קשיות!...

**ממוכן:**

(מיט א ניגון) וואס דאַרף ג-געטאָן ווערן צו א מאַן, וו-וואָס האָט אומגעבראַכט זיבן הונדערט פ-פופציק טויזנט זין פון פּרס ומדי און וואָס האָט ג-געוואָלט באצווינגען די מ-מלכה אין מלכס הויז?...

**מזומן:**

אַזאַ מאַן דאַרף ווערן אויפגעהאנגען!

**כפרתי:**

אויף א תליה פון פופצן איילן די הויך!

**אלע:**

אמת!... אמת ויושר!...

**ממוכן:**

וואָס דאַרף ג-געטאָן ווערן צו א מאַן, וו-וואָס האָט צוויי מאָל מ-מציל געווען דעם קיניג פון טויט און וואָס האָט ג-געראַטעוועט די מ-מלכה אין מלכס הויז?

**מזומן:**

דער שטול פון אַזאַ מאַן דאַרף אויפגעהויבן ווערן העכער פון די שטולן פון אַלע הארן פון דער מדינה!...

**כפרתי:**

דער פאטער-קיניג דאַרף אים דערנענטערן צו זיך און אים מאַכן פאַר שני למלך!

**אלע:**

אמת!... אמת ויושר!...

**ממוכן:**

דער רשע — דאָס איז המן...

**אלע:**

אויף דער תליה המנען!...

**ממוכן:**

דער צדיק — דאָס איז מרדכי...

**אלע:**

אין תכלת, אין תכלת מרדכין!... (מרדכין טוט מען אן אין תכלת)

**אחשורוש:**

פון היינט אויף ווייטער, מרדכי בן יאיר, ביסטו מיין שני למלך. שוועלהיטער, נעמט אראָפּ פון המנס האַנט מיין זיגל־רינג און טוט אים אן מרדכין! (מען גייט צו אראָפּנעמען דעם זיגלרינג ביי המנען; ער טוט אַ ברום, ווי אַ לייב; געלעכטער)

**אסתר:**

(ווייזנדיק אויף המנען) און צו אזא מאַן, פאטער־קיניג, צו אזא צורר און פיינט, האסטו מיך פארקויפט, אויף אומ־ברענגען, הרגענען און פארטיליקן — מיך און מיין פאָלק?...

**אחשורוש:**

דיך און דיין פאָלק?...

**אסתר:**

יא, פאַטער־קיניג, מיך און מיין פאָלק. אסתר המלכה איז אַ יידיש קינד!

**אלע:**

אַ!... אַ!...

**אסתר:**

און דער שני למלך מרדכי הצדיק איז מיין ליבלעבער פעטער.

**אלע:**

אַ!... אַ!...

**מרדכי:**

פאַר דיינע איצטיקע רייד, אסתר המלכה, וועסטו, ביז לעולם ועד, ווערן פאַר אַ משל געשטעלט פאַר אלע יידישע טעכטער פון גאר דער וועלט...

**ממוכן:**

מרדכי, אפשר קענסטו מיך אויך פאר א משל שטעלן?...
מיין ז־זיידע איז אויך געווען א ייד...

**מזומן:**

מיין עלטער־זיידע!...

**כפרתי:**

מיין באבע!...

**שטימען:**

— מיין טאטע!...
— מיין מאמע!...
— מיין עלטער־באבע!...
— מיין עלטער־זיידע!...
— מיין שווינגער!...
— מיין ווייב!...
— מיין פעטער!...
— מיין מומע!...

**אחשורוש:**

וואס דארפט איר מער?... מיין אייגענע באבע איז אויך, זאגט מען, געווען א האלבע יידישקע!...

**אלע:**

א!... א!...

**המן:**

ווי ווי, צווישן וועמען איך בין דא אריינגעפאלן!... מרדכי הצדיק, אויב איך בין שוין יא צווישן יידן, וויל איך כאטש שטארבן מיט וידוי... אפשר וועל איך אויף יענער וועלט ניט כאפן אזא פסק, ווי אויף דער וועלט!... זאג מיט מיר וידוי, מרדכי בן יאיר!...

**מרדכי:**

ביסט טאקע א פארך און א צורר פון יידן, פונדעסטוועגן — זע מיין גוט הארץ, כ'וועל דיך שטעלן צופרידן... ווילסט וידוי, זאל זיין וידוי... (מיט א ניגון) דו רשע מרושע, דו פושע ישראל — וואס האסטו געטאן אום פסח צום סדר?...

**המן:**

(מיטן זעלבן ניגון) אום פסח צום סדר — האב איך געפרעסן ברויט, אין די וואכעדיקע קליידער...

**אלע:**

איי, איי, איי!...

**מרדכי:**

דו רשע מרושע, דו פושע ישראל — וואָס האסטו געטאָן אום ערב ראש־השנה?

**המן:**

אום ערב ראש־השנה — האָב איך געזוינדיקט מיט אַ יונגע אלמנה...

**אלע:**

איי, איי, איי!...

**מרדכי:**

דו רשע מרושע, דו פושע ישראל — וואָס האָסטו געטאָן אום שמחת תורה?...

**המן:**

אום שמחת תורה — האָב איך געהייסן ראבעוועז יידישע סחורה...

**אלע:**

איי, איי, איי!...

**מרדכי:**

דו רשע מרושע, דו פושע ישראל — וואָס האָסטו געטאָן אום פורים צו דער מגילה?...

**המן:**

אום פורים צו דער מגילה — האָב איך געוואָלט אומברענגען די יהודימלעך, די שטילע...

**אלע:**

רשע!... רשע!... המן הרשע!... (הינטער דער בינע הויבט זיך פלוצלונג אויף אַ גרויס געשריי)

**אחשורוש:**

שוועלהיטער, וואָס איז דאָרטן?...

**מרסנא:**

(לויפט אַריין) אדוני מלך, דיין רומפולע אַרמיי רייסט זיך אין פּאַלאַץ! דער צאָרן פון די זעלנער איז אומבאַשרייבלעך!...

**פרשנא:**

(נאָך אים) די שווערדן זיינען אנטבלויזט!... די שטורקאַצן ברענען!...

**שוועלהיטער:**

(לויפט אריין) עמך גייט, אדוני מלך!... מיט שער און אייזן, מיט נאָל און האמער, מיט האַק באַק מיקל פלעקל!...

**מרדכי:**

וואָס אייגנטלעך פאַרלאַנגט מען דאָרט, מיינע ליבע לייט?...

**אלע:**

מען זאָל המנען תכף פירן צו דער תליה!...

**מרדכי:**

בסך הכל?... מהיכא־תיתי! ס'וועט זיין אַ קליינע צרה. נעמט אייך המנען און זאָל ער זיין פאַר אונדז אַלעמען אַ כפּרה.

**ממוכן:**

שוועלהיטער, פּ־פּירט המנען צו דער תליה!... (די שוועלהיטער גייען צו צו המנען און ווילן אים נעמען; ער רירט זיך ניט פון אָרט)

**הערָאלד:**

(גייט צו צו אים) קאַלעגע המן, זיי מוחל — צום שטריקל...

**המן:**

(בייז) ס'ברענט ניט!... האַסט צייט!... ..

**הערָאלד:**

וואָס רעדסטו, המן?... ווייסט דאָך, אַז דאָ איז אַלץ אויסגערעכנט אויף דער רגע! מוזט תכף גיין צו דער תליה.

**המן:**

(רייסט זיך אַרויס פון די שוועלהיטער און טוט אַ וואָרף זיין שווערד אויף דער בינע) עד כאן אומרים בשבת הגדול!... גיי אַליין, אויב דו ווילסט!... געהערט אַ מעשה?!... וואָס איז?! פאַרוואָס קומט מיר עפּעס הענגען — און נאָך אין מיטן אַקט?!... אפשר שלעכט געשפּילט מיין ראָלע, וואָס?!...

**הערָאלד:**

חלילה, חלילה!... אבער, טייערער המן, דער עולם חלשט

זיך משמח זיין א ביסעלע און ווי קאָן ביי יידן זיין אַ רעכטע שמחה, אויב המן הענגט נאָך ניט אויף דער תליה?... איך בעט דיך, טו עס לטובת הכלל!...

**המן:**

אַ, אויב לטובת הכלל — איז עפּעס אַנדערש!... (הויבט אויף די שווערד, שטעלט זיך צווישן די שוועלהיטער) און זאָלן זיך יידעלעך פרייען!... (גייט לאַנגזאַם) זייַ געזונט, פאָטער קיניג!... זייַ געזונט און פּאַרציי, אסתר המלכה!... זייט געזונט, יידישע קינדער!... גאָט זאָל געבן אַזאַ רעכטע המנס מפּלה אויף אַלע המנס פון אַלע צייטן!...

**אלע:**

אמן!...

**שטימען:**

— הלך, המן!... געגאַנגען!...
— אַ גליקלעכן שליטוועג!...
(מען פירט אַרויס המנען; הינטער דער בינע ווערט אַ גרויסער רעש)

**ממוכן:**

מרדכי הצדיק, זאָג אַ פּאָר ווערטער צום פּאָלק!...

**מזומן:**

רייד, שני למלך!...

**אלע:**

דבר, דבר, ראש־המדבר!...

**מרדכי:**

(הויבט אָן, מעשה רעדנער) פּאָלק פון פרס ומדי!... בירגער פון שושן הבירה!... (ס'ווערט שטיל) עס רעדט צו אייך דער נייער שני למלך, מרדכי הצדיק!... (אָוואַציעס) מרדכי בן יאיר, בן שמעי, בן קיש, אַ מאַן פון בנימין!... (אָוואַציעס) דעם אַלמעכטיקן, גוטן און קלוגן אחשורוש איז ווילגעפעלן צו שיקן המן הרשע מיטן קאָפּ אין דר'ערד אריין... (אָוואַ־ציעס) אַזאַ סוף מעגן זיך אם ירצה השם אויסריכטן אַלע המנס!... (אָוואַציעס) פון היינט אָן און ווייטער איז ניטאָ מער אין פרס ומדי קיין אַריער־יחוס! אַלע זיינען דיזעלבע יחסנים — יידן פּונקט ווי גויים. (אָוואַציעס) אויב עמיצער וועט זיך דערוועגן שלעכטס טאָן אַ יהודי, ווי המן האָט

באפוילן, וועט ער דערפאר באצאָלן מיט זיין לעבן. (אָוואַ-ציעס) איך זאָג צו אונדזער העלדישער ארמיי, אז מיר וועלן מער קיינמאָל ניט פירן קיין מלחמות!... (שטורמישע אָוואַ-ציעס; הוראַ-געשרייען) איך זאָג צו עמך, אז אונדזער ליבע מדינה וועט ווערן, ווי געווען: א לאַנד פון חלב ודבש, פון מילך מיט האָניק, פייגן און באָקסערן! (אָוואַציעס) חיונה וועט זיין לרוב!... ווײַן וועט זיך גיסן פון די פלאַשן, רענד-לעך וועלן זיך שיטן אין די טאַשן!... וואָס שייך גוט, וואָס שייך וויל?!... געבראַטענע טויבן וועלן פליען אין מויל! וואָס שייך גליקלעך, וואָס שייך צופרידן?!... עס וועט זיין ששון ביי גויים און שמחה ביי יידן!... (שטורמישע אָוואַציעס; אויסגעשרייען: לאַנג לעבן זאָל מרדכי הצדיק!)

**ממוכן:**

אָט דאָס הייסט א ר־ראש המדבר!...

**מרדכי:**

(ווישט זיך דעם שווייס) קאָלעגע העראָלד!...

**העראָלד:**

וואָס, קאָלעגע שני למלך?...

**מרדכי:**

כ'האָב אויסגערעדט שוין, וואָס אין קאָרט... אפשר וואָלסטו געגעבן נאָך עמיצן א וואָרט?...

**העראָלד:**

גערעכט, מרדכי הצדיק. (רופט אויף) יעמוד החכם הגאון הקיניג אחשורוש!...

**אחשורוש:**

(זינגט) כ'בין קיניג אחשורוש, א טאַטע און א פאָטער
פון המנען דעם רשע קוים געוואָרן פטור

**אלע:**

פון המנען דעם רשע קוים געוואָרן פטור

**הערָאלד:**

יעמוד האשה הצנועה, היפת תואר, אסתר המלכה!

**אסתר:**

(זינגט) איך בין אסתר המלכה, א כשר יידיש קינד
שיר ניט פון דער וועלט געגאַנגען,
ווי איז מיר און ווינד

**אלע:**

שיר ניט פון דער וועלט געגאַנגען,
וויי איז אונדז און ווינד

**העראָלד:**

יעמוד המן הרשע, הצורר היהודים, די ערד זאָל דיך צען מאָל ארויסוואַרפן!... (ס'קומט אַריין המן, מיט אַ שטריק אויפן האַלדז) וואָס, שוין ארויסגעוואָרפן?

**המן:**

שוין, קאַלעגע העראָלד, שוין ארויסגעוואָרפן.
(זינגט) כ'בין המן דער אַגגי, איך קום פון יענער וועלט
אויס פרינץ און אויס מיניסטער,
אויס פירער און אויס העלד

**אלע:**

אויס פרינץ און אויס מיניסטער,
אויס פירער און אויס העלד

**העראָלד:**

איז אויב אַזוי, קאַלעגן שפּילער, סאָלדאַטן, יעדנעראַלן
יידן, גויים, מיניסטאָרן, דינער, פעלדמאַרשאַלן
בתולות, ווייבער, גרויס און קליין
יונג און אַלט און מיאוס און שיין
נעמט צולעצט זיך פאַר די הענט —
אָפּגעשפּילט שוין, וואָס געקענט!...

**אלע:**

(נעמען זיך פאַר די הענט, זינגען)
אָפּגעשפּילט „המנם מפּלה"
— צאַלט, ברידערלעך, ברידערלעך, געלט —
ס'וועלן אַזא סוף נאָך האָבן
אַלע המנם פון דער וועלט
טראַלאַ־לאַ און טראַלאַ־לאַ־לאַ —
אַלע המנם פון דער וועלט!...

באַטש ס'איז טרויער, דאָך געפרייט זיך
— הערט, ברידערלעך, ברידערלעך הערט —
מירן האָבן אַלע המנם
אַלע המנם טיף אין דר'ערד
טראַלאַ־לאַ און טראַלאַ־לאַ־לאַ —
אַלע המנם טיף אין דר'ערד!...

פ אָ ר ה א נ ג